STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03875

MESHIEH BEN-DAVID

Eliyahu Hutner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משיח בן-דוד

משיח איז נאָך ניט געקומען ביז
איצט, כאָטש ער פאַרזאַמט זיך
מוזסטו געדולד האָבען, ווארום ער
קען ערשיינען יעדען טאָג.
— רמב"ם.

ארויסגעגעבען פון

אליהו הוטנער

בן העלוי ר' שמריהו זצ"ל ונכד הרב הגאון הצדיק
ר' יצחק זצ"ל ציוני, בעל המחבר „עולת-יצחק", אשר היה
רב אב"ד ארבעים ושתים שנה בעיר רעזיצא, פלך וויטעבסק.

מאָנטרעאל, קאנאדא.

Messiah The Son Of David

A Religious Biblical and
Historical Book.

— Printed by the —
City Printing Co., 3415 Colonial Ave., Montreal, Canada

נאָכדרוק שטרענג פאַרבאָטען.

אליהו הוטנער.

אינהאַלט:

א. פאָרוואָרט.

ב. דאָס אידישע פאָלק, אַלס משיח פון פעלקער.
(זיינע חסרונות און מעלות.)

ג. דער כוס.

ד. דאָס בענקען פון פאָלק און האָפען נאָך משיח בן־דוד.

ה. ציון — רבי יהודה הלוי.

ו. דער משיח־אידעאַל לויט דעם תנ"ך.

ז. דער משיח־אידעאַל לויט די חז"ל.

ח. דער משיח־אידעאַל נאָכן זהר.

ט. משיח'ס צייטען, ער געהט.

י. דער משיח־אידעאַל פון די גדולים: רש"י, רבי יהודא הלוי, רמב"ם, רמב"ן.

יא. מיינונגען פון אונזערע דורות וועגען משיח בן־דוד.

יב. בשביל המשיח.

יג. משיח בן־דוד (אַ מאָדנער חלום מיט אַ ביטערען פתרון.).

יד. המושיעים והמושיחים (המושיעים בר־כוכבא ודוד הראובני).
די פאַלשע משיחים: שבתי צבי ופראנק.

טו. דער אידיש־דייטשער משיח.

טז. משיח.

יז. די טריט פון משיח'ן.

יח. וואָס מיר ערוואַרטען פון משיח'ן.

פאָרוואָרט.

עס קומען זיך צונויף אויפן יאריד גרויסע פאבריקאנטען — סוחרים — מיט זייערע טייערע סחורות, וועלכע ציהען צו די רייכע לייט; עס קומען אויך אויפן יאריד סוחרים, וועלכע האָבען סחורה אזוי ווי פאר רייכע אזוי פאר אָרימע. אויך באמערקען מיר אז עס זיינען דאָ גאָר געמיינע סוחרימלאך אויפן יאריד, וואָס פארנעמען כמעט א באהאלטענעם אָרט, אָן א זייט איבער זייער ניט פארמעגליכקייט, נאָר זיי זיינען ספעציאליסטען אין קינסטליכע וועבעריי, און די געבראכטע מאָדערנע זעלטענע בגדים, באפוצען זיי מיט בלומען, מיט זייד, און זילבער־־פעדים און עס באקומט זיך א פראכטפאָלער בגד וואָס אזא געפינט זיך ניט אפילו אין די גרויסע רייכע קראמען; זיי שטעהען און רופען מענשען אריינקומען צו זיי. די קויפער ווערען איבעראשט פון די אנטיקען וואָס געפינען זיך איין ביי זיי, זיי פארשפרייטען דאָס איבערן שטאָדט, און אפילו די רייכע סוחרים קומען קויפען ביי זיי.

דער משל פאסט צו מיין הקדמה — איך בין א קליין מענשעלע אָן א זייט, אָן „עולם קטן“, אָבער מיין ווערק האָף איך וועט אפילו געפעלען ווערען די „גדולים“. ווארים איך האָב זיך אראָפגעלאָזען צום גרונט פון ים קולטור און תלמוד און צונויפגעזאמעלט חמר — מאטעריאל — דימענטען און פערל פון גייסט, שלייפענדיג זיי פיל מאָל און צוגעבען זיי אין פולען גלאנץ. איך האָב געקליבען שטאָף וועגען משיח'ן אזוי ווי די קליינע בין וואָס קלייבט איהר האָניק פון די ערשטע און בעסטע בלומען, און טייל עס מיט מיינע לעזער.

דער פערפאסער.

דאָס אידישע פאָלק, אַלס משיח פון פעלקער.

(זיינע חסרונות און מעלות)

בעת דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אויף זיין פעסטען באָדען אין ארץ ישראל, האָט ער זיך דאָן ענטוויקעלט און ארויסגעגעבען נביאים, פּאָעטען און דענקער. דאָס פּאָעטישע פאָלק פון שיר השירים און קאָסמאָלאָגיעסען „ברכי נפשי" האָט געשאפען דעם „עמוד האש" — אנגעצונדען אַ פאַקעל פון השכלה צו באַלייכטען דעם פינסטערען וועג פון די אמות העולם, וועלכע האָבען זיך געוואָרעמט אין איהרע גאָלדענע זונען שטראַהלען. און מיט דער צייט וועלען די אמות העולם קענען אָבשאצען דעם שרש פון וועלכען זיי האָבען אזוי פיעל גענאָסען. נאָר ביז איצט האָבען זיי אין אונז שטיינער געוואָרפען. מיר האָבען שטיל געשוויגען; ווארים אונזער אידישער כח איז ניט באַשטאַנען אין דעם שווערד צו פארגיסען בלוט און ברייט מאַכען אונזער טעריטאָריע. מיר זיינען געוועזן אַ פאָלק איין עם־הספר. אונזער לערע איז באַשטאַנען אין גאָטס וואָרט, ווען אַלע אמות העולם האָבען געזוכהן פארכאַפען מיטן שווערד און ביקס, האָט אונזער פאָלק דאָן געלערענט דער וועלט מענשליכקייט: „איזה גבור הכובש את יצרו" — דער וואָס איז קערפּערליך שטאַרק רופט זיך ניט גבור, נאָר דער וואָס קען זיך איינהאַלטען ניט צו טאָן דעם צווייטען קיין שלעכטס בעת דער שלעכטער אינסטינקט רעדט איהם איין צו טאָן שלעכטס, דער איז אַ גבור.

און בעת דאָס אידישע פאָלק איז געפאַלען פון שאַרפען שווערד פון זיין שונא מיט וועמען ער האָט געקעמפט ביזן לעצטען טראָפען בלוט פאַר זיין קיום, האָט ער דער איד זיך ניט פארלאָרען און דאָס פאָלק האָט מיטגע־טראָגען דעם „עמוד־האש" אין די גלות לענדער קדימה (פאָרווערטס) און פאַרשפּרייט ליכטיגקייט צווישען די אמות העולם, באַצאָהלענדיג דערפאַר מיטן לעבען; און אונזערע קדושים זיינען געגאַנגען אין פייער און אין פלאַם פאַר אונזערע הייליגע אמונה.

עס זיינען אוועק פילע יאָהרען זייענדיג אין פינסטערען גלות, דורות האָבען פארביטען דורות, און אונזער הייליג לאַנד געדענקט זיך נאָר דורך דער ביבעל ווי דורך אַ חלום — אַ קאָשמאַר.

און היינטיגע יונגע האַלטען זיך פאַר ריכטיגע בירגער פון די גלות לענדער. אזוי ווי זייערע טאַטעס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר זייער אמונה אזוי האָבען זיך זייערע קינדער מוסר נפש געווען פאַר הויכע אידעאַלען אין זייערע גלות־לענדער. דער לאָזונג פון די יונגע איז אזוי: „דאָ זיינען מיר געבאָרען געוואָרען אידען און דאָ וועלען מיר שטאַרבען אידען, קעמפּענ־דיג פאַר דאָס לאַנד מיט אַלע בירגער צוגלייך". — אזוי ווי מיר האָבען אַ

ביישפּיל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט בארויבט און איינ-געשלונגען אונזערע בליהענדע יוגענד. —

אָבער אין אמתן איז כדאי געווען צו געבען אזוי פיל קרבנות? וואָס האָבען מיר אידען אויסגעשפּילט? וואָס האָבען מיר געגאָסען נאָך אַלע פּאגראָמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע? מוזען מיר זאָגען לדאבון לבבנו: „גאָרנישט!" — ווארום אונזער אידישע פאָלק אין רוסלאנד אין משך פון 300 יאָהר וואָס עס האָט עקזיסטירט „דאָס ראָמאַנאָוו" — איז געווען אונטערדריקט: 7 מיליאָן אידען אין רוסלאנד זיינען פאר דער צייט דורכגע־גאנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום; קיינמאָל ניט געווען אויף ריכטיגע מלוכה יסודות, למשל ניט געהאָט ריכטיגע קלאסען: ערד־ארבייטער, בעלי־מלאכות, און א. וו. דאָס טאָר מען ניט, און אַלעס איז פארבאָטען פאר דעם אידען, ניט שטעל זיך און ניט לייג זיך; און עס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט א פאָלק אין רוסלאנד מיט אבנאָרמאַלע באַדינגונגען צום לעבען. די מעהרהייט אידען געווען קרעמערלאך, סוחרימלאך; באַלד דערשטיקט געוואָרען פון איינג־שאָפּט אין דער אידישער געטאָ . . . וואו אידען זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט ווי הערינג אין קאדקע... (רייכע פּערווע גילדע קופּצעס זיינען געווען אין א קליינעם צאָהל).

און ווען דער קראַטער פון רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט אויפגעריסען, האָט דאָס רוסישע פאָלק — וועלכע איז באַשטאַנען פון ריכטיקע ערד אר־בייטער און בעלי־מלאכות, זיך געפילט צוגעפּאַסט צו זיין ארבייט, אָבער דער אבנאָרמאַלער עלעמענט איד, ווענעם קינדער האָבען פארגאָסען זייער בלוט אויף די באַריקאַדען, האָט געמוזט מופען, ניט קוקענדיג אויף אַלע זייערע רעכט. דאָס אויג האָט געזעהן און דער צאָהן האָט ניט געביסען... (געה ארבייט ערד, אז דו קאָנסט ניט; געה אויף די זאוואָדען ווען דו קענסט פון איטליכע זאך אביסעלע) אמת. מען האָט אונז געגעבען גלייכבאַ־רעכטיגונג, און עס ווערט א סוף צו דעם אנטיסעמיטיזם... אָבער מיר צאָהלען פאר דערפאר צו טייער... זייער לאגע, פון גייסטיגען שטאנדפּונקט, איז טראגיש... דאָס אידישע גייסטיגע לעבען אין דער סאָוועטישער מדינה, איז צובראכען, חרב. אונזערע קינדער אין רוסלאנד האָדעווען זיך אויף ניט אין רוח היהדות, און ווערען אונז פרעמד... דער גאנצער מלוכה אפּאראט אין רוסלאנד איז געבויט אנטקעגען רעליגיאָן... דאָס הארץ ווערט פארגאָסען מיט בלוט, דערמאָנענדיג זיך אָן דאָס אַלעס, אָבער מיר מוזען מודה זיין אז ההר רעש וילד עכבר!...

און ווען מיר ווילען א קוק טאָן באספּקלריה מאירה אויפן צווייטען זייט פון כדור הארץ, דאָ ביי אונז אין אמעריקע, זעהן מיר ווידער ווי דער אידישער לעבען איז בולט מיט זיינע גוטע זיטען און אויך מיט זיינע שלעכטע זיטען. עס ווארפט זיך דורך צווישען די אמעריקאנער און קענעדער אידען:

מדות טובות, רחמנות, בישנות, צניעות, צדקה, אויך מדות רעות, לייכטזיניגקייט, הפקרות, זנות, מערדעריי...

די אמעריקאנער יוגענד איז אנדערש פון דער רוסישער יוגענד. דא אין אמעריקע זיינען פאראן גאנץ ווינציג איבערגעגעבענע אידעאליסטען. די בורזשואזנע עלטערען גיבען נאך זייערע קינדער אין זייערע קאפריזען. כאטש זיי זיינען זיי מדריך רעליגיעז... דעם בענעלע פארווילט זיך א שיקסע פאר א ווייב, שטעלט זיך דער פאטער ניט אין וועג, נאר ער זעהט אז זי זאל זיך מגייר זיין און דאן איז כשר... דא אין אמעריקא הערשט איצט רחמל״צ איין עפידעמיע פון „גרות״ — דער מעוט פון אידישע בחורים קלייבען אוים קריסטלאכע מיידלאך פאר פרויען און ע״פ דת משה וישראל נעמען זיי אן דעם אידישען גלויבען. עס פארשטעהט זיך ווען עס וואלט אויסקומען די קריסטליכע מיידלאך מוסר נפש זיין זיך פאר אמונת ישראל, וואלטען זיי אודאי ניט וועלען, אבער צוליב א גרינגען לעבען מיט א שעהנעם בחור א פארדינער ווארום ניט?! דאס איז ניט אמאליגע גרים און גרות פון די צייטען פון נעראן קיסר וואס זיינען געגאנגען מיט א שמייכעל אויף די ליפען אין פייער און אין פלאם פאר אונזער הייליגער אמונה. פרעגט זיך די שאלה ווארום איז די אידישע יוגענד אזוי בלינד געווארען? „האין בבנות אחיך ועמך בנות כי אתה הולך לקחת אשה מן הערלים?״ (שופטים יד׳ „ג״) — איז ניטא אונטער די טעכטער פון דיינע פריינדט אדער אינ׳ם גאנצען פאלק א יונגע פרוי, וואס דו געהסט נעהמען א פרוי א גויה... אויך אויף וועסט אין די ישובים, וואס זיינען ווייט פון די גרויסע שטעדט, קומט פאר אין מעוט אזא מין אסימילאציאן. (עס פארשטעהט זיך דארטען גאר אהן חופה וקדושין). אזא שטראם פון אסימילאציאן וואס פאר׳סמ׳ט דעם אידישען לעבען קענען אפהאלטען נאר דורך פראפאגאנדא, אויפטרייסלען, אויפוועקען דעם קורצזיכטיגען בחור, און אויפווייזען די געפערליכע סכנה, וואס פאר א מוטער און וואס פאר א חנוך קען געבען א גויה... ווען מ׳גיט איהם א טרייסעל, טרייסעלט מען אויף און מען האט פאר זיך דעם זעלבען אידען מיט דער זעלבער אידישער ווארימקייט וואס אמאל, איינגעהאלטיגקייט פון „לא תחמד״ ווי אמאל.

אויך דא א מעוט יונגעלייט וואס פאלען אריין אין נעץ פון מיסיאנערען און ווערען משומדים, (זיי געהען ארוים לתרבות רעה איבער אונזער נאכלעסיגקייט, וואס מיר זיינען זיי ניט מחנך פון קינדווייז אן בדרך התורה והיראה).

אויך איז פאראן צווישען אידישען פאלק איינינע גראבע טיפען קולאקען — אלרייטניקעס, וואס האלטען אין איין פרעסען — עקספלואטירען דעם ארבייטער, און שניידען זיין לוין... די אלרייטניקעס צווינגען זייערע אייגענע ברידער ארבייטען שבת, יום־טוב. ווען די ארבייטער ווערען אלט ווערען זיי ארויסגעווארפען פון די פעקטארים... די מעהרהייט ארבייטען ביי די אלרייטניקעס „פרעמדע״, וועלכע זיי קענען זיי עקספלואטירען מעהר ווי זייערע אייגענע ברידער. און שארף טראגען מיר ארוים דעם פראטעסט

פון אונזער דור גענען די פארפוילטקייט און אפהענטיגקייט פון דעם גלות.

פרעגט זיך דאך א פראגע: נאך אזוי פיל חסרונות, ווי קאן דאס אידישע פאלק ווערן א משיח פון פעלקער?!

מיט וואס זיינען אונזערע אתה בחרתני'קעס שעהנערע מענשען ווי די אמות העולם?

אבער אויסרעכענענדיג די חסרונות פון אונזער פאלק דארפען מיר וויסען אז גאר א קליינער פראצענט פון אונזער פאלק איז פארדארבען, און אנטקעגען די גרויסע מאסען פון די אמות העולם פון זייער פארדארבענקייט, איז אלעמאל דער אידישער פראצענט כמעט א נול אנטקעגען זייערער. און די פארדארבענע אידישע טיפען קענען נאך זיך מחזור למוטב זיין אזוי ווי א געשוויר אויפן קערפער ווען מען עפענט איהם אויף דער רופא און ער ציהט ארויס די לחה, ווערט דער קערפער ווידער געזונט. דער בעל־שם טוב, ר' ישראל זצ"ל, האט געזאגט. אז כל זמן א קראנקער אבר איז נאך צוגעהעפט צום גוף, קאן מען נאך האפען אז ער וועט אמאל געזונט ווערען, אבער אז מען שניידט איהם אפ איז ער שוין אויף אייביג פארלארען!...

דאס גאנצע אידעשע פאלק איז אזוי ווי די זון, וואס איהרע פלעקען שטערט ניט איהר ליכטיגקייט, און אזוי ווי די וועלדער, בערג, טאלען שטערען ניט די קאלעכדיגקייט פון דער ערד, אזוי זיינען די אידישע חסרונות אנטקעגען זייערע מעלות — האבען קיין ווערט ניט און די חסרונות שאדען ניט דאס פאלק פון צו זיין א משיח פון פעלקער.

ווען מיר זאלען אפוועגען די אידישע חסרונות פון אייניגע טיפען מיט די אידישע מעלות וועלען מיר זעהן אז די מעלות זיינען מכריע — וועגען איבער די חסרונות.

שטעלט זיך פאר די שרעקליכע צייט נאך דער רוסישער רעוואלוציע. בעת דער אידישער הימעל איז געווען באדעקט מיט וואלקענס און דאס אידישע שיפעלע האט זיך געטראגען אויפן ים החיים פון קנאה שנאה און האס, פון די רוסישע כוליגאנעס צו דעם אידישען פאלק, און די גוים האבען געמאכט פאגראמען, גע'שחט'ען טויזענטער אידען, האט דאס אויפגעטרייסעלט די גאנצע וועלט און דער צער און רחמנות האט ארומגעבאפט דאס גאנצע פאלק, און עס האט זיך א שאט געטאן א מבול פון געלט פון אמעריקע צו העלפען די אומגליקליכע אידען און די אמעריקאנער און קענעדער אידען האבען זיך מוסר נפש געווען, געפארען מעבר־לים און געבראכט הונדערטער יתומים און צוטיילט זיי צווישען אידישע פאמיליעס און מחנך געווען זיי ווי אייגענע קינדער. אזא אפקלאנג פון א פאלק אין אזא עת צרה, האט איהר ווען געהערט צווישען די אמות־העולם?!

נאָך אַ זאַך, ליבע לעזער, וועל איך אייך דערציילען פון דאָס אידישע גוטע האַרץ: אין דער צייט ווען אין ארץ ישראל איז געווען די ערד ציטערניש (1927), האָבען אונזערע אידען אויסגעסטראַיעט הייזער און באַזעצט זייערע שונאים, די אַראַבער, וועלכע זיינען געבליבען דאַן אָהן אַ דאַך. האָט איהר ווען עס איז געהערט צו צאָהלען פאַר שלעכטס גוטס? — דאָס קאָן נאָר — אַ איד!

די ברייטע האַנט פון הכנסת־אורחים אין אַמעריקע וקאַנאַדע, איז דאַך אין לשער. מדות טובות, רחמנות בישנות וצניעות — וואָס איז ביי זיי. אין האַרצען פון יעדען אידען ליגט די ליבשאַפט צו אונזער געשיכטע, אונזער מסורה, אונזער קולטור און טראַדיציע, אונזערע אידישע קינדער צייכענען זיך אויס מיט זייערע פעהיגקייטען אַ סך מעהר ווי די קינדער פון די אמות העולם — אויך די אידישע מאַסע איז מעהר ציוויליזירט ווי די קריסטליכע מאַסע — ינקלע מיט זיינע פעהיגקייטען, מיט זיין התמדה איז שוין לאַנג באַוואוסט פאַר אַן עם חכם — עם הספר. זיין גליק באַשטעהט נאָר אין אַ גוטען חנוך.

עס איז אויך דאַ אַ שטאַרקער נערוו ביי אונזער פאָלק דאָס זיינען די חלוצים, וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען אויפצוטאָן גרויסקייט אייביג־קייט. וואָס מיינט חלוץ? חלוץ מיינט: אַ יונגערמאַן וואָס האָט זיך געווידמעט צו ארץ ישראל מיט זיין גאַנצען לעבען, קרעפטען און ענערגיע. אַזעלכער וואַרפט אַוועק אַ קאַריערע, פאַרלאָזט אָפטמאָל זיין רייכע היים, זיין גרינגע פּראָפעסיע און פאָרט אַוועק אין ארץ ישראל צו טאָן אַלע שווערסטע אַרבייט ווי: באַאַרבייטען ערד, מאַכען שאָסייען, גראַבען ברונעמער, האַקען שטיינער, מישען צעמענט און נאָך אַזעלכע שווערע אַרבייט, פאַר אַזאַ לוין געגוג קוים דעם לעבען צו דערהאַלטען, מיט אַ שטיקעל ברויט, און אַן אונערקע, אָדער אַ ציבעלע, טאָג־איין, טאָג־אויס. געהן נאַקעט און באָרוועס און שלאָפען אין אַ באַראַק. פון זיי האָבען מיר „שומרים" (וועכטער) וואָס פאַרטיידיגען אידישע פעלדער און וויינגערטנער, שייערען און בהמות געגען די אַראַבישע און בעדואינישע גנבים — אָנפאַלער, און זיי זיינען עס געווען די, וועלכע האָבען מוטיג באַשיצט אידען אין די אַראַבישע אָנפאַלען. אַזעלכע בראַווע יונגעלייט אויך מיידלאך (חלוצות) גרייטען זיך צו אין די הונדערטער נאָך זייענדיג אינדערהיים: אין פוילען, ליטע, רומעניע, גאַליציע, און אפילו אין אַמעריקע און קאַנאַדע אויך — כאָטש אין אַ פיל קלענערע צאָהל.

און בילעכוויין, ביסלעכווייז וועלען אונזערע אידען שטראָמען קיין ארץ ישראל צו אונזער מוטער ציון און עס וועט ווערען אַ מדינת־היהודים אויף ריכטיגע יסודות. מיר וועלען אויפהויבען אונזער גייסטיגען צענטער אין פאַלעסטינע, און אונזער „מיסיע" וועט אָפּקלינגען אין דער וועלט. און ווען עס וועט עקזיסטירען ביי אונז אַ גאַנץ אידיש פאָלק, ווען עס וועלען ניט

זיין קיין שפּאַלטונגען אין אונזער פֿאָלק (אין דער פֿאַראייניגונג ליגט זיין קראַפֿט). דאַן וועט דאָס פֿאָלק ישׂראל, וואָס קוועלט מיט זיינע הויכע אידי־אַלען ווי אַ קוואַל, ווערען דער משיח פֿון פֿעלקער.

דאָס פֿאָלק, אין וועלכען עס ליגט דער גייסט פֿון משיח, דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געגעבען צו דער גאַנצער וועלט אַ גאָט, דאָס פֿאָלק, וואָס איז די האַרץ פֿון דער וועלט; דאָס פֿאָלק, וואָס איז דער וועג־ווייזער צו דער אויס־לייזונג פֿון דער מענשהייט — אָט דאָס פֿאָלק וועט אויסבעסערען דעם כאַ־ראַקטער פֿון די פֿעלקער, און זיי וועלען זיך אָנהייבען אויסבעסערען, ערשטענס אויפהערען שלאָגען אידען, גראַבעווען אידישע האָב און גוטס, אַוועקוואַרפֿען די שנאת עולם לעם עולם, ווערען איידעלער, מענשליכער, דאַן וועלען זיי צוגיין צו דער מדרגה „מענש" און קענען אָפּשאַצען דעם שרש פֿון וועלכען זיי האָבען אַזוי פֿיל געגאָסען; זיי וועלען קענען אָנהייבען צו פֿאַרשטעהן דאָס פֿאָלק פֿון די נביאים, וועלכע וועט ברייגנען די גאַנצע וועלט צו אַן עקאָנאָמישע גלייכהייט, אויסגלייכונג אין יחוס, און אַלע פֿעלקער וועלען נאָכפֿאָלגען דאָס אידישע פֿאָלק, וואָס וועט זיין דער משיח פֿון פֿעלקער. אַזוי ווי דער נביא זאָגט: „ונתתיך לאור גוים להיות ישועתי עד קצה הארץ" — ולא רק לאור גוים אלא גם לברית־עם. (ישעיהו מ"ט, ו') — „איך וועל דיך מאַכען, ישראל פֿאַר אַ ליכט פֿון נאַציאָנען, דאָס מיין הילף זאָל באַוואוסט ווערען ביז צו דעם עק פֿון דער וועלט."

דער כוס.

„זאָג מיר, מאַמעלע, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת וואָס עס האָט
מיר דערציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימעל, דאָרט פאַר גאָט,
שטעהט אַן אַלטער, גרויסער בעכער,
און ווען מיר מוטשען זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות
און לאָזט אין כוס אריין אַ טרער?"

"— אמת, קינד מיינס!" — זאָג נאָך, מאַמע.
איז דאָס אויכעט אמת, זיכער,
אַז קומען דעמאָלט וועט משיח, (1)
ווען פאַרפולט וועט זיין דער בעכער?"
„אמת!" און דאָס קינד פאַרקלערט זיך.

וואַרט אַ רגע טרויעריק שטיל,
פרעגט דערנאָכדעם: „ווען־זשע, מאַמע,
וועט דער בעכער זיין שוין פול?"

און ער הייבט די בלויע אויגען
טרויעריק צו דער מוטער אויף:
„צו איז אָהן אַ דנאָ (אַ דעק) דער בעכער
וואָס מיר ליידען אָהן אַ סוף "

וואָס מיר ליידען אוים אין גלות (2)
און דער כוס וויל פול ניט ווערען...
אפשר טריקענען דורך די יאָהרען
אין דעם בעכער אוים די טרערען?...

און צערודערט בלייבט די מוטער
אויפן פרומען קינד געבויגען;
און עס ציטערען די ברעמען
איבער טרויעריק פייכטע אויגן...
און עס פאַלען צוויי בריליאַנטען שטערען...
— גאָט אין הימעל, האָב רחמנות
נעם אין כוס אריין די טרערען!

ש. פ.

(1) משיח — אַ געזאַלבטער, אַ דערלייזער.
(2) פאַרטריבען אין דער פרעמד.

דאָס ביינקען פון פאָלק און האָפען נאָך משיח בן-דוד.

אין דעם יאָהר ווי אין אַלע לענדער אַזוי אויך אין דעם גאָלדענעם לאַנד, הערשט אַ שרעקליכער קריזיס און הונגער, ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס די נאַטור האָט אַלעס ארויסגעגעבען, דאָס בעסטע און שעהנסטע, — דאָס מענשליכע אויג זעהט דאָס, נאָר דער צאָהן קען ניט בייסען: די אַר־בייטסלאָזיגקייט איז גרויס, פילע מענשען, שטילענדיג זייער הונגער מיט די שפּייז פון מיסטקאַסטען, זיינען פאַר'סמ'ט געוואָרען. אין דער צייט איז אין שטאָדט מ. געווען אַ באַוואוסטער גביר גאָלדמאַן, ער איז געווען אַ גרויסער ירא־שמים און אַ בעל־צדקה. גאָלדמאַן האָט געהאַט הייזער און גיטער, פעלדער און וועלדער, מיט שאָף און רינדער, מיט לוסגערטנער מיט טייערע זעלטענע פּירות, מיט אַלע קאָסטבאַרקייטען פון דער וועלט. גאָלדמאַנס ווייב איז געווען אַן אשת־חיל און האָט מיטגעהאָלפען דעם מאַן מחנך צו זיין זייערע צוועלף קינדער. ויהי היום און די רעדעל האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף צוריק. פאַרלאָרען פיל געלט אין סטאַקס... די געשעפטען וואָס ווייטער אַוועק, אַלץ ערגער... ער איז אָרעם געוואָרען...

גאָלדמאַן איז אַרומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד און איז גרוי געוואָרען פאַר דער צייט צוזעהענדיג די בלאַסע פּנימער פון זיין פרוי און קינדער, געהענדיג אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען. די קינדער זיינען געווען געצוואונגען פאַרלאָזען די הויז פון זייערע עלטערען זוכען חיונה אין אַנדערע שטעדט. די ביינקשאַפט פון די קינדער צו די עלטערען איז געווען שטאַרק, אָהן אַ ברעג דערמאָנענדיג זיך אָן זייער שטילען פּראַכטפאָלען לעבען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער היים און יעצט... דער שלימזל האָט זיי פאַרטריבען פון פאָטערס טיש, נאָר טיף, טיף אין הארצען האָט די גאַנצע פאַמיליע געפילט אַז די האָפענונג איז נאָך ניט פאַרלאָרען און אין גיכען וועט דער מזל אַ דריי טאָן זיך צוריק, און עס וועט ווערען ווייטער גוט און מען וועט זיך אומ־קערען צוריק צום טאַטען.

די פּאַסירונג איז ענליך צו אונזער פאָלק ישראל, וועלכעס איז געווען איינגעוואַקסען ווי אַ שטאַרקער צעדערבוים אין זיין הייליגע לאַנד ארץ ישראל. געלעבט מאַראַליש, לויט די נאַטור געזעצען און ווי די תורה האָט איהם געלערענט געווען פריש און געזונט. נאָר מיט אַמאָל האָט זיך די רעדעל אַ דריי געטאָן צוריק, אַלעס האָט זיך געענדערט און פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ גרויסער שטורעם פון יענער זייט וויסטע און געטראָפען אַלע פיר ווינקלען פון הויז... און די קינדער זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון פאָטערס טיש... אַ ברענענדיגער שמערץ פילט אָן זייער זעלע, דערמאָנענדיג זיך אָן זייער

גרויסקייט פון אמאָל. די בייגקשאפט איז שטאַרק, עס כאפט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק, די האַרץ פון ישראל ציהט צו ציון... דער איד וואָלט צוגעפאַלען צו דער ערד, ער וואָלט אויסגעקושט איהר יעדען פוס־טריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער — נאָר אונזער האָפענונג איז נאָך ניט פאַרלאָרען, געוואָרען. מיר האָבען אַ גרויסען גאָט און ער וועט אויף אונז רחמנות האָבען צוליב זיין ערך־אלקים (גאָטטעס ווירדע) און וועט אונז שיקען משיח בן־דוד, יועלכער וועט אונז באַפרייען פון פינסטערען גלות און פירען קיין ירושלים.

אַלע שיכטען פון אונזער פאָלק בייגקען און וואַרטען אויף משיח'ן, למשל: אָרטאָדאָקסען, ציוניסטען, אַסימילאַטאָרען, פרייע, און א. וו. אַלע מיט אומגעדולד וואַרטען אויף די גאולה שלמה. די אָרטאָדאָקסען — פרומע גאָט געבענטשטע אידען, וואָס דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג בצבור און לערנען אין שוהל, אויך פאַסטען, ריכטען אָפּ תיקון חצות, ווילען דאָך אודאי מקרב זיין די גאולה און קוקען אַרוים אויף משיח'ן יעדען טאָג. די ציונים — פילע פון אונזערע ברידער האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען אין אַרץ ישראל איהר אַרבייט, הונדערטער פאַמיליעס פון די וואָס זיינען אין גלות האָבען זיך באַזעצט אין אַרץ ישראל אַזוי ווי איינוואוינער, יעדער אונטער זיין ווייגשטאָק און יעדער אונטער זיין טייטעלבוים. דער אידעאַל פון דר. פינסקער און דר. הערצעל האָט זיך צופלאַקערט און דער ציוניזם האָט פיל אויפגעטאָן. ער האָט זעהר פיל בייגעטראָגען צו דער קאָלאָניזאַציע פון אידען אין פאַלעסטינע. מיט זייער קויפען פעלדער זיינען די ציונים בייהילפיג די גאולה זאָל שנעלער זיין; זיי זיינען מקיים די רייד פון נביא ירמיהו: „כה אמר ד' צבאות אלקי ישראל עוד יקנו בתים ושדות וכרמים בארץ הזאת". (ירמיהו לב). ווייל אַזוי האָט געזאָגט דער עוויגער פון הערשאַפטען גאָט פון ישראל, עס וועלען נאָך געקויפט ווערען הייזער און פעלדער און וויינגערטנער אין דיזען לאַנד, און עס וועט ווערען פאַרשריבען אין ספר און גע'חתמ'עט, און עדות וועלען זאָגען עדות אין לאַנד פון בנימין אַרום ירושלים, אין די שטעדט פון יהודה, אין די שטעדט פון באַרג, און אַזוי ווייטער. אויך די פרייע גאַרען נאָך משיח'ן. ווארום אין פינסטערען גלות דערמאַנט זיך דער אַסימילאַטאָר אַז ער איז אויך אַ איד מיט אַלעמען צו גלייך, כאָטש ער טאַנצט נאָך דעם קריסט אַזוי ווי אַ מאַלפע, אָבער דער אַנטיסעמיטישער באַציל: „באָיקאָט, בלבולים, ליגענס ווי „גאָגלו", פאָגראָמען וואָס פאַרפאָלגען אונז און פאַרפעלען ניט און טוט איהם דערמאַנען אימער אַז ער איז אַ איד... און דער בעל־גוף — דער כוליגאַן שאַנעוועט דעם אַסימילאַטאָר אויך קיינמאָל ניט און דערקענט איהם נאָך זיין געפאַרבטער נאָז... און אין אַן עת צרה רחמל"צ, שרייט ער אוים: רבונו של עולם, עס וואָלט שוין קומען משיח און מיר וואָלטען פטור ווערען פון אַלע צרות — פון די אַנטיסעמיטען — שונאי ישראל. מיט איין וואָרט משיח האָט זיך איינגעזויגען אין דאָס פאָלקס בלוט און פלייש; מיר באַמערקען ווי עס כאַפט זיך אַרוים פאָלקס ווערטלאַך וועגען משיח'ן: למשל, איינער

באשטעטיגט אז זיינע רייד זיינען אמת זאָגט ער: זאָלען מיר אזוי דערלעבען צו הערען „שופר של משיח“, איינער זעהט דעם צווייטען אַ לאַנגע צייט ניט און פלוצלונג קומט ער אריין, זאָגט דער ערשטער „אז מען וואָלט דערמאַנען משיח'ן וואָלט ער אויך קומען“. און נאָך פילע ווערטלאַך, מיט איין וואָרט: דאָס פאָלק פילט פון דורות אז משיח וועט קומען און מוז קומען און באפרייען דאָס אידישע פאָלק פון פינסטערען גלות.

ציון.

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צוזייטע און צושפרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי דיר, אַ ליבען גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו איהם: אַ גרוס פון נאָהענטע און פון ווייטע!
אין הארצען דורות־לאַנג געוואָרעמט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאָפּען אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערען
און שטאַרבען אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע.
מיך ציהט צו דיר!... ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־אוילע, דיין יאָמער ליד,
און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ געהט אוים נאָך יענע ערטער.
וואו ד' אבות האָבען זיך באַגעגענט מיט מלאכים,
און וואו די שכינה האָט גערוט, וואו דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערען די הייליגע געעפענט
אַנטקעגען זיינע הימלישע שערים...
וואו ניט די זון און ניט לבנה, שטערען —
גאָטס עהרע זעלבסט האָט דיך בעשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאָר, אַז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעלע דאָרטען,
וואו ספּלעגט אמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגלען?!... שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ
ווייט, ווייט אין דיינע וויסטע בערג פאַרטראָגען.
כ'וואָלט צוגעפאַלען צו דיין ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט

איהר יעדען פוס-טריט, יעדעם שטיינדעלע באזונדער
און אומגעוואנדערט וואלט איך טאג און נאכט
א נאקעטער, א בארוועסער אויף דיינע חורבות,
כ'וואלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאסטען אלע קברים,
מיט דיין נשמה — לופט זיך אנגעאטעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב
און ביז צום בלינד וועראן באוויינט דיין חורבן, ציון...
צו קאן דער שיין פאר מיינע אויגען זיס זיין —
אז שווארצע ראבען פיקען דיינע אדלערס!
צו קאן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן —
ווי גאס — הינט שלעפען דיינע טויטע לייבען...
געגוג, לאז אפ איין וויילע, כוס פון טרויער!
מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פארביטערט,
כ'האב איינגעזאפט אין זיך דיין שום פון דיינע הוויוען...
געגוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטארבען...
כ'וויל זעהן, א גרויסער גאט, נאר איין שטראל ליכט,
נאר איין שטראהל פון יענעם מארגענשטערען
וואס דארף, וואס מוז, אמאל נאך העל און ליכטיג
זיך אנצינדען אויף ציונס בלויען הימעל,
באנייען און באפרישען זי מיט יוגענד...
געגוג, איין זיסען חלום לאז מיך זעהן נאך
און אויסגעהן מיט א שמייכעל אויף די ליפען...

(רבי יהודה הלוי, נ. ב.)

דער משיח־אידעאַל לויטן תנ״ך.

יעצט איז די פראַגע ווער וועט זיין משיח בן־דוד, אַ מענש צי אַ מלאך? וואו שטעהט דערמאַנט אין תנ״ך און אין תלמוד וועגען זיין קומען? ווי וועט ער הייסען? פון וועלכען שבט און ווען וועט ער קומען און וואו? וואַס וועט ער אויפטאָן פאַר די אמה הישראלית?

אַט די אַלע פראַגען וועלען מיר אַרומרעדען און פאַרענטפערען: משיח בן־דוד, דער אידישער העלפער און אויסלייזער וועט זיין ניט קיין מלאך נאָר אַ מענש ווי מיר אַלע, פון בלוט און פלייש. ער וועט זיין באַגאַבט פון גאָט מיט אַ גרויסען גייסט — אַ רוח הקדש״ מיט ריזיג גרויסע פעהיגקייטען, וואָס וועט שאַפען גליק, גרויסקייט, אייביגקייט צו אונזער אידישען פאָלק. ער וועט קומען, משיח בן־דוד, מזרע בית דוד, פון שבט יהודא, און ער וועט באַפרייען אונז פון פינסטערען „גלות״. אויך וועט פריהער קומען משיח בן־יוסף ממשפחת יוסף און וועט באַפרייען עשרת השבטים, וואָס זיינען פאַרטריבען גע־וואָרען אין לחלח וחבר. וועגען משיח׳ס קומען האָט נביאות געזאָגט יעקב אבינו בברכתו, אַז ער וועט אַרויסקומען משבט יהודא: „לא יסור שבט מיהודא ומחוקק מבין רגליו עד כי יבוא שילה ולו יקהת עמים״ (בראשית מ״ט י׳). „עס וועט ניט אָפּגעטאָן ווערען קיין רוט (פירער) פון יהודא און קיין געזעצ־געבער פון צווישען זיינע פיס ביז וואַנעט שילה (שילה — שם של משיח) וועט קומען, און צו איהם וועלען געהאָרכזאַם זיין די פעלקער״ (אַזוי זאָגט די גמרא סנהדרין).

דער זהר הקדוש זאָגט אונז וועגען משיח בן־דוד בזה הלשון: לא יסור שבט מיהודה וגו׳. אוקמוה חבריא, אבל עד כי יבא שילה בה״א, ושאר בוא״ו. לאחזאה הכא רזא דשמא קדישא יה. באתר אחרא שילו בלא ה״א. ובאתר אחרא שלה בלא יו״ד. והכא שילה ביו״ד ה״א. רזא דשמא קדישא עלאה. דשכינתא תקום בשמא דיה. ואיהו רזא דמ״י כדקאמרינן (מו) ה) לא יסור שבט מיהודא. דא משיח בן דוד ומחוקק מבין רגליו. דא משיח בן יוסף. עד כי יבא שיל״ה. דא מש״ה. חושבן דא כדא. ול״ו יקה״ת עמים. אתוון ולו״י קה״ת.

עתקה מארמית בעברית: לא יסור שבט מיהודא וגו״. זה ביארו החברים אבל עד כי יבא שילה בה״א. ובשאר מקומות בוא״ו. להראות כאן סוד שם הקדוש יה. במקום אחר שילו בלא ה״א. ובמקום אחר שלה בלא יו״ד. וכאן שילה ביו״ד ה״א. סוד שם הקדוש העליון. שהשכינה תקום בהשם יה. וזה הסוד של מ״י כמו שאמרנו (מו) ה) לא יסור שבט מיהודא. זה משיח בן דוד. ומחוקק מבין רגליו. זה משיח בן יוסף. עד כי יבא שיל״ה. זה מש״ה. מספר זה כזה. ול״ו יקה״ת עמים. אותיות ולו״י קה״ת.

דער קומענדיגער משיח וועט זיין פון בית־דוד און דאָס האָט מכון

געוועזן בת־שבע אז זי האָט געזאָגט: „יחי אדני המלך דוד לעולם" (מ"א א' ל"א). לאַנג לעבען זאָל מיין האר דער קעניג דוד לעולם. און דאָס האָט געגעבען רבי לר' חייא אסימן בקדוש החדש: „דוד מלך ישראל חי וקים". דוד מלך ישראל לעבט און ער עקזיסטירט אייביג (ראש השנה כה, עמוד „א").

משיח בן דוד וואָס וועט צונויפזאמלען און צונויפבינדען אַלע אידען אינאיינעם — האָט געזעהן בלעם אין זיין נביאות, ער האָט געזאָגט: „אראנו ולא עתה דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל... והיה ירושה שעיר אויביו וישראל עושה חיל" (במדבר כד' י"ז־יט'). — איך וועל איהם זעהן אָבער ניט יעצט, איך וועל איהם אָנקוקען אָבער ניט שנעל. עס איז אויפגעטראָטען אַ שטערען פון יעקב אַ הערשער — פון ישראל — אדום וועט פאַרטריבען ווערען. דאָס זעלבע שעיר זיין פיינד, אָבער ישראל וועט שטענדיג באַגליקען.

אונזערע געטליכע נביאים: עמוס, הושע, ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, דניאל וכ' האָבען נביאות געזאָגט וועגען משיח בן־דוד — בעת די עשרת השבטים זיינען פאַרטריבען געוואָרען און אָפּגעריסען פון יהודא ובנימין, דאַן האָבען זיי נביאות געזאָגט וועגען משיח בן דוד, אַז ער וועט קומען און ער וועט אַלע שבטים אינאיינעם צוזאַמענבינדען, צונויפזאַמלען און צוזאַמענ־שמעלצען נאָך אַמאָל: „ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת וג' ובנותיה כימי עולם למען יירשו את שארית אדם וכל הגוים אשר נקרא שמי עליהם (עמוס ט' י"א). — „אין יענער צייט וועל איך אויפשטעלען דוד'ס צופאַלענע ביידל, איך וועל פאַריכטען אַלע צובראָכענע ערטער, איך וועל אויפשטעלען זיינע צושמעטערטע געביידס און וועל עס אויפבויען ווי אין די אַלטע צייטען, אום זיי זאָלען ערבען דאָס איבעריגע פון אדם און פון אַלע פעלקער אויף וועמען עס רופט זיך מיין נאָמען — זאָגט גאָט וואָס טוט דאָס אַלעס".

און דער נביא הושע זאָגט אונז אויך וועגען משיח'ן: „אחר ישובו בני ישראל ובקשו את ד' אלהיהם ואת דוד מלכם... באחרית הימים". (הושע ג' ה') — „נאָכדעם וועלען זיך די קינדער ישראל צוריק קערען, זיי וועלען זוכען דעם עוויגען, זייער גאָט און דודן, זייער קעניג. זיי וועלען אין די שפּע־טערע צייטען איבעראשט זיין פון גאָט'ס הילפע און זיין גוטסקייט.

אין איטליכען וואָרט, וואו עס ווערט דערמאָנט דוד, איז דאָס משיח בן־דוד, מבית מלכות יהודא. ישעיהו הנביא .... דער באַגאַבטער פון גאָט מיט זיין רעדנער קראַפט, האָט אויך נביאות געזאָגט אויף משיח'ן, אַז ער וועט קומען — גאָט'ס געהיימע קראַפט האָט געקוועלט אין ישעיה'ס ברוסט, זיין וואָרט איז געוועזן גליהענדיג... זיין שטאַרקער גייסט האָט איהם ניט געלאָזט רוען פון ניט צו פּרעדיגען גערעכטיגקייט און ברוח הקודש האָט ער געזאָגט וועגען משיח'ן: ויצא חטר מגזע ישי.. ונחה עליו רוח ד'... והריחו ביראת ד' ולא למראה עיניו ישפוט... והריחו ביראת ד' ולא למראה ישפוט... והריחו ביראת ד' והכה ארץ בשבט פיו... והיה צדק אזור מתניו... וגר זאב עם

כבש... ואריה כבקר יאכל תבן ושעשע יונק על חור פתן... לא ירעו ולא ישחיתו... כי מלאה הארץ דעה כמים לים מכסים... ואסף נדחי ישראל ונפוצות יהודא יקבץ מארבע כנפות הארץ... ושפט בין עמים... (ישעיהו י"א וס"ה מיכה ד').

„און עס וועט ארויסקומען א צווייג פון ישי'ס שטאם, און א רוט וועט שפראצען פון זיינע ווארצלען... און עס וועט רוען אויף איהם דער גייסט פון גאט, וועט איהם באגייסטערען מיט גאט'ס פארכטיגקייט און ער וועט ריכטען נאך דעם זעהן פון די אויגען.. און ער וועט שלאגען (די טיראנען) פון דער ערד מיט דעם רוט פון זיין מויל... און גערעכטיגקייט וועט זיין דער גארטעל פון זיינע לענדען, פרייהייט, דער גארטעל פון זיינע (ריפען), און עס וועט וואוינען דער וואלף מיט א שעפס... און דער לייב וועט אזוי ווי דער רינד עסען שטרוי... און א זויג־קינד וועט זיך שפילען ביי דער הייל פון דעם בייזען שלאנג... זיי וועלען קיין שלעכטס טאן, און וועלען ניט פארדארבען דיין הייליגען בארג, דען פול איז געווארען די ערד מיט דער וויסענשאפט פון גאט, ווי די פילע וואסערען וואס באדעקען דעם ים... און ער וועט איינזאמלען די פארשטויסענע פון ישראל און די צושפרייטע פון יהודה, וועט ער צוזאמענעמען פון די פיר עקען פון דער ערד, און ער וועט משפט'ען צווישען די פעלקער."

און ישעיה פראפאגאנדירט אזעלכע הויכע אידעאלען וואס זיינען נאך עד היום ניט פארווירקלאכט געווארען, נאר ווען די מענשהייט וועט פרא־גרעסירען, און אז משיח וועט קומען וועלען מקוים ווערען זיינע ווערטער, וועלכע ער האט געזאגט וועגען די צייט פון משיח'ן, למשל: „וכתתו חרבתם לאתים וחניתותיהם למזמרות לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה". (שם ב' ד') און זיי וועלען אויסשמידען זייערע שווערדען צו אקעראייזענס, און זייערע שפיזען צו שניידמעסערם; איין פאלק וועט ניט מעהר אויפהויבען זיין שווערד געגען אן אנדער פאלק, און זיי וועלען מעהר ניט לערנען קיין קריג."

און אלע ליבע טרייסטונג־נביאות .... וואס זיי זיינען פאר דעם אידישען פאלק אזוי ווי קוועליקע וואסער פארן דארשטיגען אין דעם מדבר — זיינען געזאגט געווארען וועגען משיח'ס צייטען, מפרשה מ' „נחמו נחמו וגו' והיו מלכים אומניך וגו'" (נא). ושמתי כדכד שמשותיך ושעריך לאבני אקדח וכל גבולך לאבני חפץ (שם נד'). אויך האט ער נביאות געזאגט ישעיה וועגען חבלי של משיח: אכן חלינו הוא נשא ומכאובינו סבלם. וד' הפגיע בו את עון כלנו (שם נג'). אבער נאר אונזער קראנקהייט האט ער געטראגען, און אונזערע ווייטאגען, פון זיי האט ער געליטען, און גאט האט געצילט אויף איהם די זינד פון אונז אלעמען.

ירמיהו הנביא

חבקוק הנביא רעדט וועגען משיח'ן און זאָגט: „אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ד' לעבדו שכם אחד" (ג' ט'). „נאָר דעמאָלט וועל איך אומקערען אַלע פעלקער איין קלאָרע שפּראַך אום אַלע זאָלען רופען גאָט'ס נאָמען און דינען איהם איינשטימיג" (חבקוק ג' ט').

די באַגאבטע נביאים פון גאָט ירמיהו ויחזקאל זיינען געווען אין ערשטען חרבן. ירמיהו האָט נביאות געזאָגט אויך וועגען די גרויסקייט פון די אמה הישראלית און צונויפגיסונג פון אַלע שבטים לעתיד: „בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ד' ונקוו אליה כל הגויים... בימים ההם ילכו בית יהודא על בית ישראל ויבואו יחדיו מארץ צפון אל הארץ אשר הנחלתי את אבותיכם (ג' י"ז-י"ח). והקמתי לדוד צמח צדק... וזה שמו אשר יקראו לו ד' צדקנו (כ"ג ה'-ו') ולא יעבדו בו עוד זרים (שם ל"ח). וכרתי את בית ישראל ואת בית יהודא ברית חדשה וג' (שם ל"א ל'). „אין יענער צייט וועט מען רופען: ירושלים גאָט'ס היים און צו איהר וועלען זיך זאַמלען אַלע פעלקער... אין יענער צייט וועלען געהן דאָס הויז יהודא מיט דאָס הויז ישראל און קומען צוזאַמען פון נאָרד־לאַנד, אין דאָס לאַנד וואָס איך האָב אייערע עלטערען געמאַכט ערבען — איך גאָט וועל אויפשטעלען פון דוד'ס שטאַם אַ גערעכטע שפּראָצונג און דאָס איז זיין נאָמען וואָס מען וועט רופען (אין זיין צייט): „מאַכט אונז גאָט'ס גערעכט".. און פרעמדע וועלען זיך שוין מעהר מיט איהם ניט באַדינען. איך גאָט וועל מאַכען מיט הויז ישראל און מיט הויז יהודה אַ נייעם בונד.

יחזקאל הנביא שטעלט אונז פאָר אַ בילד מיטן נאָמען „עצמות יבשות" — דאָס אידישע פאָלק, וועלכער איז געווען איינגעוואַקסען ווי אַ שטאַרקער צעדערבוים אין זיין הייליגען לאַנד ארץ ישראל, געלעבט מאָראַליש לויט די נאַטור־געזעצען, און ווי די תורה האָט איהם געלערענט. געווען פריש און געזונט, נאָר מיט אַמאָל האָט זיך די רעדעל אַ דריי־געטאָן און פּלוצלונג איז געקומען אַ גרויסער שטורם פון יענער זייט וויסטע, און געטראָפען אַלע פיר ווינקלען פון הויז... דער נביא יחזקאל זעהט טויזענטער אידען מיט בלאַסע פּנימער, מענער, פרויען, קינדער, אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, מיט די טאָרבעס אויף די פּלייצעס און מיט'ן גלות־שטעקען שפּאַנען זיך אַרום די טייכען פון בבל און זייער הארץ איז פאַרקלעמט פון טיפער בענקשאַפט נאָך זייער לאַנד. דער נביא דערלאַנגט אַ קוק אויף דעם בילד ווי די אמה הישראלית זינקט אין גלות אַהן אַ האָפענונג און אָהן אַ צוקונפט, און גיט איהר אַ נאָמען: „העצמות היבשות„ — „טרוקענע ביינער".

לעבעדיגע סקעלעטען, אַ ברענעדיגער שמערץ פילט אַן דעם נביא'ס זעלע און ווי אַ ליבער פאָטער לאָזט ער זיי ניט זאָרגען, ער טרייסט זיי, אז זיי זאָלען זייער מוט און האָפענונג ניט פאַרלירען, זיי וועלען צוריק בליהען על הרי הכרמל והשרון און ער זאָגט זיי אויך וועגען ביאת המשיח: כי יצמיח ד' קרן לבית ישראל (כ"ט כ"א). גאָט וועט מאַכען וואַקסען די מאַכט פונם

הויז ישראל, און ער זעהט די אויפלעבונג פון דאָס פאָלק אין קומענדיגער צייט און זעהונג פון: „עצמות יבשות": היתה עלי יד ד' ויוציאני ברוח ד' ויניחני בתוך הבקעה והיא מלאה עצמות: והעבירני עליה סביב סביב והנה רבות מאד על־פני הבקעה והנה יבשות מאד; ויאמר אלי בן־אדם התחיינה העצמות? ואמר אדני אתה ידעת; ויאמר אלי הנבא על־העצמות האלה ואמרת אליהם העצמות היבשות שמען דבר ד'; כה אמר ד' אלקים לעצמות האלה הנני מביא בכם רוח וחייתם, ונתתי בכם רוח וחייתם והנחתי אתכם על־אדמתכם וידעתי כי אני ד' דברתי ועשיתי נאום ד'" (יחזקאל ל"ז י"ד).

„אמאָל איז אויף מיר געווען גאָט'ס מאכט, עס האָט מיר אַרויסגעטראַגען אַ שטאַרקער ווינט, און האָט מיך אַוועקגעלייגט אין אַ טאָל, וועלכער איז פול געווען מיט ביינער. ער האָט מיך אַרויסגעפירט רונד־אַרום, ערשט זיי זיינען זעהר פיל איבער'ן גאַנצען טאָל, און זיי זיינען זעהר טרוקען. און ער האָט צו מיר געפרעגט: זאָג מענשענקינד! וועלען די ביינער לעבעדיג ווערען? האָב איך געענטפערט: „אַלמעכטיגער גאָט, נאָר דו ווייסט דאָס!" האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות אויף דיזע ביינער און זאָג צו זיי: איהר טרוקענע ביינער, הערט אויס גאָט'ס וואָרט! אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער צו דיזע ביינער: איך וועל אַריינגעבען אין אייך אַ לעבענס־גייסט, אום איהר זאָלט לעבעדיג ווערען און וויסען אַז איך בין גאָט. איך האָב נביאות געזאָגט ווי איך בין באַפוילען געווען, האָט זיך אַ שטימע דערהערט, נאָכדעם איז געוואָרען אַ שטורעם און די ביינער האָבען זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערען; דאַן האָב איך געזעהן, אַז עס ווערט אויף זיי אָדערען און עס וואַקסט פלייש, אויך איז אויף זיי פאַרצויגען אַ הויט פון אויבען, נאָר קיין לעבענס־גייסט איז אין זיי ניט געווען. דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צום לעבענס־גייסט און זאָג צום לעבענס־גייסט: אַזוי זאָגט גאָט דער אַלמעכטיקער — קום לעבענס־גייסט פון אַלע פיר זייטען, בלאָז אויף די דערשלאָגענע ביז זיי וועלען לעבעדיג ווערען. איך האָב נביאות געזאָגט ווי ער האָט מיר געהייסען, און דער לעבענס־גייסט איז אַריין אין זיי: זיינען זיי לעבעדיג געוואָרען און געשטעלט זיך אויף זייערע פיס, זעהר אַ גרויסע אַרמיי". „איך וועל מיין גייסט אַריינגעבען אין אייך און וועל אייך לאָזען רוהיג זיצען אויף אייער לאַנד." — זיינע נביאות זיינען מקוים געוואָרען. דאָס פאָלק, נאָך זיבעציג יאָהר גלות בבל האָט ווייטער געבויט זיין לאַנד. דער בילד וואָס יחזקאל הנביא מאָהלט פאַר אונז, איז פיליכט די שעהנסטע און שטאַרקסטע מענשליכע זעהונג וואָס איז ווען אויסגעדריקט געוואָרען פון אימיצען אין וואָרט אָדער בילד, און זי ווערט נאָך איצט מאַיעסטעטישער דערמיט וואָס זי פאַנגט אָן צו ווערען אַ ווירקליכקייט. אויך אין אונזער צייט און אין עתיד; מיר אידען זיינען יעצט ווי יענע טרוקענע ביינער אין דעם טאָל צעוואָרפען איבער דעם ערד־קוגעל אַלס איינצעלנע אָפּגעריסענע גלידער פון אַ געוועזענעם קערפּער.

און ווען עס וועט עקזיסטירען ביי אונז א גאנץ אידיש פאלק, ווען עס וועלען ניט זיין קיין שפאלטונגען אין אונזער פאלק (אין דער פאראייניגונג ליגט זיין קראפט), דאן וועט צוערשט דערנעהנטערען זיך די טרוקענע ביינער איינע צו די אנדערע, נאכהער קומען די אדערען, נאכהער די הויט, נאכהער ווערט א נשמה אריינגעבלאזען אין די טויטע גופים.

יחזקאל הנביא זאגט אויך נביאות וועגען אחדות אפרים ויהודה. וואס זיי זיינען אזוי ווי צוויי בוימער וואס זיי זיינען געפלאכטען געווארען אינ־איינעם: „כה אמר ד' אלקים הנה אני לוקח את עץ יוסף אשר ביד־אפרים ושבטי ישראל חבריו ונתתי אותם עליו את עץ יהודה ועשיתם לעץ אחד והיו אחד בידי" (שם ל"ז י"ט) — „זאלסט זיי זאגען: אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער: איך זעלבסט וועל נעמען דעם שטאם יוסף'ס, ד. ה. אפרים, אויך די שטאמען פון ישראל, זיינע פריינט, און איך וועל זיי נאהענט מאכען צום שטאדט יהודה ... איך וועל זיי מאכען ווי איין בוים, און זיי זעלבסט וועלען זיך אין מיין לאנד פאראייניגען". וועגען יום הדין האט ער אויך נביאות געזאגט און מלחמת גוג ומגוג.

אין אנדערע ערטער איז בולט דעם נביא יחזקאל'ס רייד וועגען אסי־מילאציע: דער איד וויל ניט טאן קיין תשובה און וויל ניט אויסגעלייזט ווערען פון גלות. ער וויל זיין ווי אלע פעלקער און פטור ווערען פון אלע צרות, און אויך פון דער גאולה מיטאמאל... נאר גאט'ס געהיימע קראפט קוועלט אין יחזקאל הנביא'ס ברוסט, זיין ווארט איז גליהענדיג... זיין שטארקער גייסט לאזט איהם ניט איינרוען און מיט פייערדיגע ווערטער שטראפט ער דאס פאלק, און מיט א דונער־קול שרייט ער אוים: ניט! א חוב אויף די אידען לעבען אין זייער אמונה! — הלא כה דבר הנביא כאש וכפטיש מפוצץ סלע: „והעולה על רוחכם היה לא תהיה! אשר אתם אומרים נהיה כגוים, כמשפחות הארצות, לשרת עץ ואבן; חי אני, נאום ד' אלקים, אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם, והוצאתי אתכם מן העמים וקבצתי אתכם מן הארצות, אשר נפוצותם בם, ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה וכ' והבאתי אתכם במסרת הברית" (יחזקאל כ' לב' וגם לד') — „און דאס וואס איהר האט אין זינען וועט ניעמאלס זיין, דאס וואס איהר זאגט זיך: „מיר וועלען זיין ווי אלע פעלקער, ווי די פאמיליען פון אנדערע צו דינען האלץ און שטיין". ביי מיין לעבען — זאגט גאט דער אלמעכטיגער — אויב ניט דורך א שטארקע האנט און אן אויסגעשטרעקטען ארעם, און אויסגעגאסענעם וואוטה וועל איך רעגירען איבער אייך. איך וועל אייך ארויספירען פון די פעלקער, און פארזאמלען אייך פון די לענדער וואס איהר זייט פארשפרייט אין זיי, מיט א שטארקע האנט און אויסגעשטרעקטען ארעם און אויסגעגאַ־סענעם וואוטה! איך וועל אייך דורכפירען אונטערן רוט און וועל אייך ברענגען אין פארפליכטונג און פארבאנד".

אויך דער נביא עבדיה זאָגט נביאות: „ועלו מושיעים בהר ציון לשפט את הר עשו והיתה לד' המלוכה" (סוף) — „נאָר דאַן ווען די רעטער וועלען ארויף אויפן באַרג ציון אָהן אורטייל ארויסגעבען קעגען באַרג עשו, וועט די רעגירונג זיין ביי גאָט".

אין ספר תהלים זיינען פאַראַן יעודים — באַשטימונגען און פילע באַמערקונגען וועגען משיח'ן. פילע פון זיי זיינען וועגען דוד המלך און זיין צייט און וועגען משיח בן־דוד צום סוף טעג: „כי זרעו לעולם יהיה וכסא כשמש נגדי" (פ"ט ל"ז). — „זיינע קינדער וועלען אייביג בלייבען און זיין טראָן וועט ביי מיר אייביג זיין ווי די זון."

זכריה הנביא האָט נביאות געזאָגט וועגען בית שני און אויך וועגען די גאולה וואָס וועט זיין: ובאו עמים רבים וגוים עצומים לבקש את ד' צבאות בירושלים... אשר יחזיקו עשרה אנשים מכל לשונות הגוים והחזיקו בכנף איש יהודי לאמר נלכה עמכם כי שמענו אלקים עמכם (ח' כ"ג) הנה מלכבם יבוא לך צדיק ונושע הוא עני ורוכב על חמור (ט' ט'), וינבא גם על יום הדין: (והיה יום אחד הוא יודע לד' לא יום ולא לילה והיה לעת ערב יהיה אורו (יד' ז') — „און גרויסע פעלקער, און מעכטיגע נאַציאָנען וועלען קומען אין ירושלים זוכען גאָט... אין יענע צייטען וועלען זיך צוזאַמענעמען צעהן מענשען פון אַלע שפּראַכען און פעלקער, זיי וועלען אָנעמען אַ מאַן פון יהודה ביים ברעג קלייד און זאָגען: „מיר געהען מיט אייך, אָט קומט דיין קעניג צו דיר. גערעכט און זיגרייך איז ער באַשיידען און רייט אויף אַן אייזעל. ער האָט אויך נביאות געזאָגט וועגען יום הדין: עס וועט זיין אַ זאָנדערבאַרער טאָג, באַוואוסט נאָר צום עוויגען אַליין. ניט טאָג און ניט נאַכט, ערשט אָווענט־צייט וועט ליכטיג ווערען".

אויך יואל הנביא זאָגט: „ונתתי מופתים בשמים ובארץ... השמש יהפך לחשך והירח לדם לפני בוא יום הגדול והנורא: (יואל ג') — „און איך וועל מאַכען וואונדער אויפן הימעל און אויף דער ערד — די זון וועט פינסטער ווערען און די לבנה רויט ווי בלוט איידער עס וועט קומען גאָטס טאָג, דער גרויסער און שרעקליכער"!

דער נביא מלאכי זאָגט: כי הנה היום בא בוער כתנור להט אותם היום הבא וג' הנה שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד' הגדול והנורא (מלאכי ג') — „יענער קומענדער טאָג וועט ברענען ווי אַן אויווען... און יענער קומענדער טאָג וועט זיי פאַרברענען — איך שיק אייך אליהו דעם נביא איידער עס וועט קומען גאָט'ס גרויסער און שרעקליכער טאָג."

דניאל הנביא האָט געזעהן נביאות צו די גולי בבל וועגען זייער אויס־לייזונג אין בית שני, וואָס איז מקוים געוואָרען. אויך מיט זיין געטליכען אויסקוק האָט ער נביאות געזאָגט וועגען די לעצטע גאולה וואָס דאַרף קומען

לקץ הימין: „עם ענני שמיא כבר אנש אתה הוא ועד עתיק יומיא מטה... ולה יהב שלטן עלם די — לא יעדה ומלכותה די — לא תתחבל (ז' יג־יד'). — „און ווייטער האָב איך געזעהן אין נאַכט ערשיינונג, ערשט אויפן הימעל — אַ וואָלקען איז אָנגעקומען אזוי ווי אַ מענש, ער איז ביז דעם אַלטען צוגע־גאַנגען, מען האָט איהם צו איהם נאָהענט געבראַכט. איהם האָט מען געגעבען הערשונג, עהרע און רעגירונגס מאַכט, איהם זאָלען דינען אַלע פעלקער, נאַ־ציאָנען און שפּראַכען, זיין הערשונג איז אייביגע הערשונג, זי וועט קיינמאָל אויפהערען און זיין רעגירונג וועט ניט צושטערט ווערען".

און ער האָט געזעהן דעם יום הדין כאשר יעמד מיכאל והיתה עת צרה אשר לא־נהיתה מהיות גוי עד העת ההיא ובעת ההיא ימלט עמך כל הנמצא כתוב בספר. ורבים מישני אדמת־עפר יקיצו וג' אשרי המחכה וג' (סוף), (דניאל יב' א' — יב' סוף). „דאַן וועט אויפשטעהן מיכאל, ווארום עס וועט זיין אַזאַ שלעכטע צייט וואָס עס איז נאָך ניט געווען זינט פעלקער עקזיס־טירען ביז יעצט, דאַמאָלסט וועט פון דיין פאָלק גערעטעט ווערען יעדער וואָס געפינט זיך פאַרשריבען אין בוך. פילע פון די וואָס שלאָפען אין ערד־שטויב וועלען אויפוואַכען, גליקליך איז דער וואָס האָפט."

דאָס וואָס דער הייליגער נביא דניאל האָט געזאָגט: וארו עם ענני שמיא" איז דאָס חז"ל מפרש אַז משיח וועט קומען גיך: „זכו עם ענני שמיא, לא זכו עני ורוכב על החמור". „אויב זיי וועלען זוכה זיין, וועט משיח אַרונטערקומען אויף אַ הימלישען וואָלקען און אויב זיי וועלען ניט זוכה זיין וועט ער קומען אַלס אָרימאַן אויף אַן עזעל!" וועגען דעם איז דאָ אַ משל: אַ רוסישער עלטערער איד איז פּלוצלונג אומערוואַרטעט אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געהאַט אַ פינף אָדער זעקס ערוואַקסענע פאַרהייראַטע זיהן און טעכטער. ער האָט זיי ערקלערט, אַז ער איז אויף דער עלטער געבליבען עלענד און אָהן פרנסה, האָט ער קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט ווי נאָר צו פאַרקויפען דאָס ביסעל באַלעבאַטישקייט אויף הוצאות הדרך, און קומען צו זיי, צו די קינדער. צום האפען פאַר באַגעגענען דעם טאַטען, זיינען אַ פּאָר קינדער געקומען און די איבעריגע ניט. ביים ערשטען מיטינג פון דער פאַמיליע, וועגען דער פראַגע וואָס צו טאָן מיטן טאַטען, האָבען אייניגע געזאָגט, אַז מען דאַרף איהם אָנדינגען ערגעץ קעסט און יעדער איינער זאָל דערויף געבען אַ פּאָר דאָלער צושטייער, און אַ פּאָר האָבען זיך דערפון ענטזאָגט, ערקלערענדיג, אַז דער טאַטע האָט קיין רעכט ניט געהאַט צו קומען ניט אָנגעפרעגטערהייט, און זאָל ער איצט טאָן וואָס ער וויל.

מיט איין וואָרט, עס איז דעם אַלטען נעבאָך געווען פינסטער און ביטער צו זעהן און צו הערען ווי ביליג ער איז ביי זיינע אייגענע קינדער און ער האָט זיך אָנגעליטען ביי זיי גענוג צרות, בזיונות און עגמת נפש, ביז ער

האָט אויסגעפונען ווי ווייט פאַרדאָרבען יעדעם קינד זיינס איז. ווער פון זיי עס וויל איהם העלפען און קען טאַקע ניט און ווער עס קען און וויל ניט. צום סוף האָט ער זיי פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער האָט מיט זיך געבראַכט אין אַמעריקע אַ גרויסע סומע געלט, נאָר ער האָט זיך אומישנע פאַרשטעלט פאַר אַן אָרימאַן, כדי צו אויסגעפינען ווער זיינע קינדער זיינען.

דאָס זעלבע איז מיטן כביכול און מיט זיין גאולה. ווען ער זאָל וויסען אַז די אידען און די וועלט זיינען „זכו", אַז זיי אַלע זענען טאַקע פיינע מענשען און מיינען באמת אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיין אין ארץ ישראל, נאָר ס'איז פאַר זיי אונמעגליך מיט אייגענע כחות דורכצופירען, וואָלט ער אָרונ־טערגעשיקט זיין משיח רייטענדיג אויף די וואָלקענס אין פולען פראַכט און גלאַנץ: דער רבונו של עולם וואָלט גלייך אַרויסגעצייגט זיין רייכטום און קומען ווי אַ רייכער טאַטע דאַרף באמת קומען צו קינדער, ער ווייס אָבער אַז די אמות העולם זיינען ניט מסכים צו אַ אידישער היימלאַנד. און די אידישע רייכע באַנקירען, רעפאָרמער, אַסימילאַטאָרען און סתם כופרים בעיקר, זיינען נאָך אין כעס למאי מען דערמאָנט דעם נאָמען ארץ ישראל, האָט ער די גאולה אַרונטערגעלאָזען אַלס „עני ורוכב על החמור".

דער משיח-אידעאַל לויט די חז״ל.

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך פיל מאָל געלאָזט זיך אָפּנאַרען פון פאַלשע משיחים ניט קוקענדיג אויף דערויף וואָס ער איז אַן עם חכם ונבון. עס איז אַ וואונדער וואָס דאָס פאָלק האָט געלאָזט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ פון די פאַלשע משיחים — געצעהלטע פאַרדאָרבענע מענשען וואָס האָבען זיך געפונען ביי אונז אין יעדען דור — נאָר דער תרוץ איז אַז אַ מענשען איז שלעכט און ער טרינקט זיך כאַפּט ער זיך אַפילו אָן פאַר אַ שטרוי, אָדער אַ שווערד, אויך אַזוי איז געווען מיט אונזער פאָלק אין דער צייט ווען זיי זיינען געווען געטראַטען מיט די פיס פון שונאי־ישראל אין פינסטערען „גלות" און האָבען כמעט פאַרלאָרען די האָפענונג אויף אַ ישועה דאַן האָבען זיי ניט אָפּגעגעבען אַ רעכענונג צו דאָס איז אַ ריכטיגער משיח צו ניט. די מעהרהייט פון די משיחים זיינען געווען שווינדלער, באַטריגער אויסוואורפען פון דער נאַטור אָפּגענאַרט נאָר פאַרגעלט, און אַנדערע זיינען געווען פאַנטאַזיארען וואָס האָבען זיך איינגערעדט אַז זיי זיינען ריכטיגע משיחים און אַזעלכע חברה־לייט — סוביעקטען — האָבען אָנגעמאַכט שרעקליכע צרות אין אַלערליי צייטען. אָט צום ביישפּיל היינט אַפילו, ווען אונזער לאַגע איז אַ ביטערע קענען מיר אויך לייכט ווערען אָפּגענאַרט מיט משיח'ן: שטעלט זיך פאָר אַזאַ בילד: אין אַ שעהנעם זומער־טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן שטאָדט אַ קלאַנג אַז משיח קומט אָן. פון גרויס ביז קליין זיינען אַרויסגעגאַנגען איהם מקבל פנים זיין — די שמחה איז געווען גרויס... עס איז אַריינגעפאָרען משיח — אַ ליכטיגער פנים, וועלכער איז דורכגעזאַפּט מיט קבלה, מיסטי־ציזם, משיחיות און סגופים — לייטערונג מלקות תשובה. — שלום־עליכם'ס זיינען געפלויגען פון אַלע זייטען, עס איז אָנגעקומען דער הייליגער שבת קודש, געגעבען משיח'ן אַ פעטע „עליה". ביי שעהן געדעקטע טישען איז געזעסען אַ גרויסער עולם מיט משיח בראש. זיין שעהנער ליכטיגער פנים האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די גבירים, וואָס זיינען געזעסען אַרום איהם און אויך פון גאַנצען עולם. די מתיקות פון זיין זמירות זינגען האָט דערקוויקט איטליכעס האַרץ... און ווען אונזערע „גודווילניקעס" האָבן דערהערט אַז משיח קען שפּראַכען און רעדט אַ גוטען ענגליש, זיינען זיי אויך געקומען איהם מקבל פנים זיין. זיי האָבען געזאָגט אַז דאָס איז טאַקע דער ריכטיגער משיח, וואָרים אַ איד מיט אַזאַ הדרת פנים מיט אַ שוואַרצען באָרד און פאות מיט ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, האָבען זיי קיינמאָל ניט געהערט זאָל קענען רעדען אַ גוטען ענגליש... און זייערע פרויען האָבען אויך מסכים געווען אַז ער איז ניט קיין גרינער... דער געמיינער המון־עם האָט אויך באַוואונדערט זיין שעהנקייט און איז גאָרניט געווען צופרידען וואָס די גבירים האָבען כמעט

אינגאַנצען צוגענומען צו זיך משיח'ן... אָרימע בעלי־בתים זיינען גאָרניט געווען צופרידען מיט דער גאַנצער געשיכטע ווארום זיי האָבען געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט, מען וועט זיך דאַרפען אריבערפעקלען זיך קיין ארץ ישראל און עס איז ניטאָ מיט וואָס...

זייטיגע אידעלאַך, ישובניקעס, קאַלאַניסטען, וואָס האָבען פיל איבער־געפאַקט און איבערגעמאַזעלט אין אַמעריקע האָבען זיך באַזעצט אויפן לאַנד וואו זיי זיצען רוהיג און האָבען ברויט צו זאַט — זיינען זיי געווען אומצו־פרידען פון משיח'ן... אַט ווי יענע ישובניצע אַז איהר מאַן, דער ישובניק איז געקומען פון שטאָדט פאַרטרויערט, פאַרזאָרגט פון דעם וואָס ער האָט אין שטאָדט געהערט, אַז משיח קומט, און ער וועט דאָ באַדאַרפען איבער־לאָזען זיינע פערד און קיה, און געהן אין ארץ ישראל, און ווען ער האָט אָט די טרויעריגע נייעס איבערגעגעבען זיין פרוי, האָט זי איהם געטרייסט: נשקשה, מיין מאַן, ניט געזאָרגט, מיר האָבען שוין אויף זיך געהאַט פיעלע המן'ס, און מיר האָבען אויף זיי געזעהן אַ מפלה און פון זיי פטור געוואָרען וועלען מיר נאָך מיט גאָט'ס הילף, אויף משיח'ן אויך דערלעבען צו זעהען אַ מפלה און וועלען פון איהם פטור ווערען...

אזוי זעהען מיר אַז איטליכער האָט אַ באַזונדערען באַגריף וועגען משיח'ן. נאָר ווי די מעשה איז: אַנהענגער וואָלט משיח געהאַט גענוג אַפילו אין אונזערע צייטען, ניט קוקענדיג וואָס די וועלט איז ציוויליזירט, נאָר די שלעכטע צייט וואָלט מאַכען די ניט גלויביגע פאַר גלויביגע און מען וואָלט זיך איינרעדען, זעהענדיג דעם „שווינדלער" אַז משיח איז שוין טאַקע געקומען.

אָבער מיר אידען דאַרפען וויסען אַז קיינע שעהנע אידען טאָרען ניט און קענען אונז ניט פאַרפירען און אָפּנאַרען, ווארום חז"ל האָט אונז שוין פאַרזאָרגט און פעסטגעשטעלט וואָס פאַר אַ טיפּ משיח דאַרף זיין און ווען ער קען קומען.

נאָך די רייד פון די נביאים זעהען מיר אַז ער וועט זיין אַ גרויסער מענש וואו תורה און חכמה, אָרגאַניזאַטארישע פעהיגקייט און מענשליכע ליבליכקייט, וועלען זיין פאַראייניגט אין זיין פּערזאָן. ער וועט זיין אַ גייסטיגער קעניג — זיין וואָרט וועט זיין אַ געזעץ פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט. משיח בן־דוד וועט זיין באַקרוינט מיט זעקס מדות אַזוי ווי ישעיהו הנביא זאָגט: „ונחה עליו רוח ד', רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד'" (ישעיהו יא־ב). — „און עס וועט רוהען אויף איהם דער גייסט פון גאָט, אַ גייסט פון קלוגהייט און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון ראַט און שטאַרקייט, אַ גייסט פון וויסענשאַפט און די פרוכט פון גאָט."

נאָך בולט'ער שילדערט אָפּ משיח'ן די גמרא (סנהדרין צ"ח): שאל

ריב"ל לאליהו אימתי אתי משיח? א"ל זיל שאליה לדידיה. והיכי יתיב? אפתחא דקרתא (רומא) ומאי סימניה? יתיב ביני עניו סובלי חלאים וכ' א"ל לאימת אתי מר? א"ל היום וכ' היום אם בקולי תשמעו (שם).

רבי יהושוע בן לוי האט געטראפען אליהו הנביא האט ער אים געפרעגט ווען וועט משיח קומען? האט איהם אליהו געענטפערט גיה פרעג דעם משיח זעלבסט, האט איהם רבי יהושע בן לוי ווייטער געפרעגט, וואו געפינט מען איהם און וואס זיינען זיינע סימנים? האט איהם אליהו געזאגט, ער זיצט לעבען דעם טויער פון שטאדט רוים, צווישען ארעמע לייט, וועלכע זיינען קרעצעדיג און ליידען פיל קראנקהייטען און דאס איז משיח'ס סימן, אלע ארעמעלייט, צווישען וועלכע ער זיצט, בינדען זיך אויף אלע זייערע נגעים מיט איינמאל, און נאך דעם אפרייניגען פארבאנדאזשירט זיך יעדער אלע זיינע נגעים מיט איינמאל, און געדויערט ביי יעדען פיל צייט. אבער דער משיח בינדט זיך נישט אויף אלע זיינע נגעים מיט איינמאל, נאר איינציגווייז, בינדט ער אויף נישט מעהר ווי איין נגע, און נאך דעם אפרייניגען פארבאנ־דאזשירט ער זיי באלד, כדי ער זאל זיין גרייט יעדער רגע, טאמער וועט מען איהם א רוף טאן ער זאל געהן אויסלייזען די אידען, זאל ער זיין באלד גרייט, די גאולה זאל נישט אויפגעהאלטען ווערען קיין איין רגע צוליב דאס באנ־דאזשירען פון זיינע נגעים. רבי יהושע בן לוי איז אהינגעגאנגען אויף דעם ארט און האט דארט טאקע געטראפען דעם משיח מיט די זעלבע סימנים, וואס אליהו האט איהם געזאגט, האט רבי יהושע בן לוי געגעבען שלום דעם משיח זאגענדיג: „שלום עליך רבי ומורי!" האט דער משיח איהם געענט־פערט: „שלום עליך בן לוי" — האט רבי יהושע בן לוי איהם געפרעגט ווען וועט דער הער קומען אויסלייזען די אידען פון גלות, האט דער משיח איהם געענטפערט: „היינט וועל איך קומען". רבי יהושע בן לוי איז צוריק־געגאנגען צו אליהו, האט אליהו איהם געפרעגט וואס האט דיר משיח געזאגט האט ער געענטפערט אז דער משיח האט איהם געזאגט „שלום עליך בן לוי". האט אליהו געזאגט, אויב אזוי, האט ער מבטיח געווען דיר און דיין פאטער אז איהר וועט האבען עולם הבא, ווארים ער האט דיין פאטער'ס נאמען אויך דערמאנט. האט רבי יהושע בן לוי געזאגט דער משיח האט דאך אבער מיר געזאגט ליגען, ער האט געזאגט אז ער וועט היינט קומען, און צום סוף איז ער ניט געקומען. האט אליהו געזאגט אז מיט דעםווארט „היום" — „היינט", האט דער משיח געמיינט אזוי ווי עס שטעהט אין תהלים: „היום אם בקולו תשמעו!" דאס הייסט: אויב אידען וועלען היינט תשובה טאן, וועט משיח קומען.

די הגדה פאדערט א באלייכטונג כדי מיר זאלען האבען א ריכטיגען באגריף וועגען משיח'ן.

משיח'ס באוועגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען צום סוף זמן החשמנאים בעת עס האָט זיך געשטאַרקט די האַנט פון רוים און די מדינת היהודים איז געווען אין געפאַר, האָבען אידען באַדאַרפט אַן אויסלייזער אַראָפּצונעמען פון זיך דעם עול הרומאים — אַראָפּוואַרפען פון זיך די שווערע קייטען פון רוים. האָבען זיי פּרובירט אַלעמאָל וועגען אַ מושיע. און ווי אַ רויטער פאָדים איבערן גאַנצען תלמוד ציהט זיך דורך די ליעבשאַפט פון חז"ל צו משיח'ן, און די גמרא סנהדרין שטעלט אונז פאַר דעם אויבענדערמאָנטען בילד וועגען משיח'ן: ווען רבי יהושע בן לוי האָט געפרעגט אליהו וואו געפינט מען משיח'ן? האָט ער איהם געענטפערט: „משיח זיצט לעבען דעם טויער פון רוים צווישען אָרעמע, קרעציגע לייט". אָט דאָ שפּיגעלט זיך אָפּ די הויכע נשמה פון משיח'ן. ער, משיח, קומט ניט צו די רייכע מיליאָנערען אין זייערע רייכע באַפּוצטע פּאַלאַצען, נאָר וואו קענען מיר איהם טרעפען? ווייסט איהר וואו? צווישען אומגליקליכע, ליידענטע, קרעציגע אָרעמע לייט. צווישען בעטלער קראַנקע, וועלכע ליגען מיט זייערע קינדער אין די ווינקלאַך אויף שמאַטעס צוזויפגעדרייט און פיבערען — אָט אין דעם געגענט, וואו מען פאַרפאָלגט אידען צווישען די בעטלער, דאָרט געפינט זיך משיח. קומט משיח אין די נאַסע, פינסטערע קעלערען וואו די קרעציגע אָרעמע לייט עסען הונגעריג און בענשען זינגענדיג. משיח קלייבט ברעקלאַך און דאָר ברויט וואָס בלייבט איבער פון זיי, און ווי אַ טרייער פאָטער קושט ער די אָרעמע קרעציגע קינדער אויף די בלייכע באַקען און אויף די קרעציגע ברעמען; די קראַנקע קינדערלאַך טולען זיך צו זיינע מידע קני, ער גיט זיי שלאָף און רוה. היילט זייער שווינדזוכט, זייערע וואונדען און קרעץ און ווערט אַליין פאַר־קרעציגט פון זיי... און פונדעסטוועגען איז זיין ענערגיע אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גרייט אין דער צייט צו רעטען דאָס גאַנץ אידיש פאָלק פון שווערען גלות פון שווערע ליידען. און בינדט זיינע נגעים אויף ניט מיט אַמאָל, נאָר איינציגווייז בינדט ער אויף נישט מעהר ווי איין נגע, כדי ער זאָל זיין גרייט אויסצולייזען זיין פאָלק אין יעדער צייט; — אָט די צרות פון די הונגעריגע אָרעמעלייט, פון אַלע אומגליקלאַכע, בלוטיגען זיין האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעמס וועהטאָגען און פיין. די יסורים פון אַלע מנשען זיינען זיינע אייגענע, ער משיח פאַרקערפּערט מיט זיך אַליין דעם „וועלט־שמערץ"; זיין נשמה טובל'ט זיך אין בלוטיגען ים פון מענשליכע טרערען, עלענד און פיין.

זאָגט רבי יהושע בן לוי: דער משיח האָט דאָך אָבער געזאָגט ליגען; ער האָט געזאָגט אַז ער וועט היינט קומען, און צום סוף איז ער נישט געקומען. האָט אליהו געזאָגט אַז מיט דעם וואָרט „היום" מיינט, אויב אידען וועלען היינט תשובה טאָן, וועט משיח קומען. אין אַזאַ צייט ווען אין פאָלק קומען פאָר אַזוי פיעל שפּאַלטונגען, קאָן נישט קומען משיח. ער קאָן קומען נאָר דעמאָלט ווען אַלע זאָלען איהם וועלען הערען און אַלע זאָלען איהם וועלען

פאַרשטעהן... עס עקזיסטירט ניט קיין גאַנץ אידיש פאָלק; אין דער פאַר־אייניגונג ליגט זיין קראַפט...

די גרויסע וועלט מוז ווערען בעסער און מענשליכער. דאָס מיינט חז"ל „היום אם בקולי תשמעו" — די גאַנצע וועלט דאַרף זיין געגרייט צו דער צייט פון ביאת המשיח, די מענשהייט מוז צוגיין צו דער שטופע־מדרגה „ומלאה הארץ דעה, כמים לים מכסים". די וועלט מוז תשובה טאָן — מוז פריהער די וועלט ווערען ציוויליזירט, אָראָפּוואַרפען פון זיך די „שמוץ" פון קנאה, שנאה פון איין פאָלק צום צווייטען, און פון איין מענש צום צווייטען. בלבולים, באָיקאָטען, גאַגלוס, פּאָגראָמען, מלחמות, אַנטיסעמיטיזם — מוז דאָס אַלעס פאַרשוואונדען ווערען פון דער וועלט פאַר ביאת־המשיח; קנאה און שנאה פון איין מלוכה צו דער צווייטער, ברענגט צו דערצו, וואָס איטלי־כע מלוכה וויל פאַרכאַפּען די גרעסטע מסחר־מערק און דאָס פירט צו מלחמות און מענשען־בלוט ווערט געגאָסען טייכענווייז, צוליב אַ טייל מענשען בורגנים — בורשזוא — וואָס טראַכטען נאָר פאַר זיך צו לעבען אַ גליקליכען טאָג, און באָדען זיך אין צווייטענס שוויים און בלוט, צוליעב זייערע ווילדע אַמ־ביציעס. — דאָס אַלעס מוז פאַרשוואונדען ווערען; אַט דאָס איז חבלי משיח איידער ער וועט קומען. מענשען מוזען האָבען אַן אידעאַל, אַ געזעלשאַפט־ליכען אידעאַל, דאָס מענשליכע לעבען דאַרף האָבען אַ זין, אַ צוועק; מענשען דאַרפען ניט לעבען בלויז פאַר זייערע אייגענע פאַרגעניגענס. פאַר ביאת־המשיח מוז יעדע שולעכץ פון וועלטליכער רשעות פאַרשוואונדען ווערען און דערנאָך וועט זיין אַ צייט פון גנאַד און דערלייזונג, און משיח בן־דוד וועט קומען און וועט זיין דער גייסטיגער קעניג פון די העכסטע אידעאַלען, וועלכע עס וועלען אויף אייביג פאַרווירקליכט ווערען.

****

חז"ל האָבען ניט דורכגעלאָזען די איינציגע פאָלקס האָפענונג, און ווי א רויטער פאָדים איבערן גאַנצען תלמוד ציהט זיך דורך די ליבשאַפט פון חז"ל צו משיח'ן. די גמרא זאָגט אונז: שבעה דברים נבראו קדם שנברא העולם ואלו הן: תורה ותשובה וגן עדן וגיהנם וכסא הכבוד ובית המקדש ושמו של משיח דכתיב יהי שמו לעולם לפני שמש ינון שמו (פסחים נ"ד). שבעה דברים מכוסים מבני אדם ואלו הן: יום המיתה ויום הנחמה ועומק הדין ואין אדם יודע מה בלבו של חברו ואין אדם יודע במה משתכר ומלכות בית דוד מתי תחזור ומלכות חייבת מתי תכלה. יום הנחמה של כל אדם מתי יתנחם מדאגתו. יום נחמה שיתנחמו בני ישראל על גלותם. הנחמה והגאולה אחד משבעה דברים המכוסים מבני אדם. (שם)

„זיבען זאַכען זיינען באַשאַפען געוואָרען פאַר דער וועלט באַשאַפונג, און דאָס זיינען זיי: תורה, תשובה, גן־עדן וגהינם, כסא הכבוד ובית המקדש, און דעם נאָמען פון משיח'ן. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק עס זאָל זיין זיין נאָמען אויף אייביג הערשען אזוי ווי די זון. זיבען זאַכען זיינען צוגעדעקט פון מענשען און דאָס זיינען זיי: דעם טאָג פון מיתה, מען ווייס ניט ווען מען וועט שטאַרבען, די נחמה און די טיפקייט פון דין, און קיין מענש ווייס ניט וואָס אין צווייטענס האַרץ איז; און קיין מענש ווייס ניט מיט וואָס ער קען פאַרדינען. און דוד'ס קעניגרייך ווען עס וועט זיך אומקערען, און די שלעכטע קעניגרייך ווען עס וועט זיך ענדיגען, דער טאָג פון טרייסט פון דעם גאַנצען אידישען גלות פאָלק, און די נחמה־גאולה איז אויך פון די זיבען זאַכען וואָס זיינען פאַרהוילען פון מענשען; מיר ווייסען ניט די נחמה — טרייסט ווען זי וועט קומען אז אידען זאָלען געהאָלפען ווערען און אַרויסגעהן פריי פון פינסטערען גלות דורך משיח'ן. זיי מיינען טיפער מיט דעם צוזאָגען: אזוי ווי די טבע איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אז דער שטאַרקערער איז גובר דעם שוואַכערען און עס עקזיסטירט א האָר און א קנעכט, נאָר אין אַלע צייטען ווען די מענשהייט ווערט פאַרדאָרבען און מענשען שטאַרקערע באַ־צווינגען שוואַכערע, דאַן קומט משיח צו רעטען די שוואַכערע פון די רויבער.

און אויף דעם ריכטיגען משיח, וואָס וועט אונז באַפרייען וואַרטען מיר. אָבער די צייט איז פאַרהוילען פון אונז און מיר דאַרפען אַלעמאָל האָפען אויף איהר. די לעגענדע דערצעהלט אונז פאַר גאָט'ס הייליגען שטול שטעהט א „כוס" א גרויסער, און ווען דער כוס וועט פול ווערען מיט אידישע טרערען, דאַן וועט קומען משיח רעטען די אידען. די טרערען זיינען שוין צו פיעל און געהען שוין אריבער די ברעגען, נאָר ווי עס ווייזט אויס איז קיין דעק צום כוס ניטאָ... נאָר משיח מוז קומען און וועט קומען. מיר מוזען האָבען געדולד, ער קען ערשיינען יעדען טאָג.

משיח וועט זיין א באַשטימטער מאַן פון אידישען פאָלק — משיח

בן דוד — וואָס גאָט וועט איהם שיקען און ער וועט אויסלייזען די אידען, משיח קומט פאַר אַ העלפער פאַר אַן אויסלייזער דעם אידישען פאָלק פון שעבוד גליות, אָבער ניט קיין אויסלייזער פון אַ זינד, אַזוי ווי עס טראַכטען די קריסטען, ווארום לדעת שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכות בלבד שנאמר: כי לא יחדל אביון מקרב הארץ (שבת ס"ג) — דאָס הייסט נאָכן מיינונג פון שמואלן איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישען דער צייט פון איצט און משיח'ס צייטען, נאָר שעבוד מלכיות בלבד — די אידען וועלען זיין זעלבסטשטענדיג אויף זייער לאַנד — אַ פריי פאָלק. און כלי־זין וועט בטל ווערען אין צוקונפט אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: לא ישא גוי אל גוי חרב" — „איין פאָלק וועט ניט אויפהייבען אויף דעם צווייטען קיין שווערד" און דאָס וואָס דניאל האָט געזאָגט: „וארו עם ענני שמיא" איז דאָס חז"ל מפרש אַז משיח וועט קומען גיך: אם זכו אחישנה, ואם לא זכו בעתה ויהיה עני רוכב על החמור במתינות (סנהדרין צ"ח) — „אויב מיר אידען וועלען זוכה זיין. דאַן וועט גאָט איילען איהם צו ברענגען, און אויב מיר אידען וועלען ניט זוכה זיין וועט ער קומען פאַמעלאַך אַזוי ווי דער אָרעמאַן אויף זיין אייזעל. נאָכן מיינונג פון חז"ל וועלען זיך פאַראייניגען ניט נאָר אַלע שבטים נאָר אַפילו אַלע פעלקער און זיי וועלען רופען דעם נאָמען פון גאָט.

דאָס מיינט מען אַז אַלע פעלקער וועלען ווערען באַצויבערט פון דער משיח באַוועגונג, דער אַנטיסעמיטיזם וועט פאַרניכטעט ווערען, זיי וועלען ווערען מעהר ציוויליזירט טראַכטענדיג וועגען הויכע אידעאַלען וועגען מקור היהדות. זיי וועלען זיך איבערצייגען אַז אמונת ישראל איז די מוטער פון אַלע אמונות און זיי וועלען ווערען אידען, ווארום דאָס אידענטום האָט צום ערשטען פּראָדוצירט די לערע מאָנאָטעאיזמוס (אחדות הבורא) — אונזער תורה איז תורת אמת. זי ווייזט אויף די מעלות און אַזוי אויך די חסרונות פון אונזערע גרויסע פירער. אונזער הייליגע תורה, וועלכע האָט אין אונז איינגעפלאַנצט דם ריינעם גלויבען אין איין בורא, האָט עס פאָראויס געזעהן און געוואָרענט, אַז אידען זאָלען ניט פאַרגעטערען אונזערע גרויסע. ביי זיין לעבען איז געוועזען משה רבנו גרוים און הייליג ביי זיין נאַציאָן, קוים אָבער האָט ער ווי אַלע שטערבליכע מענשען געשלאָסען זיינע אויגען אויף אייביג האָט זיין טויטער קערפּער פאַרלאָרען יעדע הייליגקייט. און לויט דעם אידישען דין איז אַ קליין שטיקעלע ביינדעלע, גרוים ווי אַ לינז — עצם כעדשה — מטמא במגע ומשא — דאָס לעבעדיגע אידענטום פאַרגעטערט ניט קיין טויטע — „ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה" — „ביז יעצט ווייס ניט קיינער זיין בעערדיגונגס־פּלאַץ.

אויך דוד המלך איז געוועזען טייער און הייליג ביי אונזער פאָלק, אָבער אַז ער איז געשטאָרבען זאָגט די גמרא האָט שלמה המלך געשיקט פרעגען

לבי מדרשא: „שלח שלמה לבא מדרשא, אבא מת ומוטל בחמה, וכלבים של בית אבא רעבים, מה אעשה, שלחו ליה חתוך נבלה והנח לפני הכלבים, ואביך, הנח עליו כבר וטלטלו" (שבת דף ל') — „דער טאַטע איז געשטאָרבען און ליגט אויף דער זון, און דעם טאַטענס הינט זיינען הונגעריג, וואָס זאָל איך טאָן? האָט מען איהם געענטפערט: צושנייד אַ נבלה און לייג פאַר די כלבים, לייג אַרויף אויף דיין טאַטען אַ לעבעל ברויט ועסטו איהם שוין קענען מטלטל זיין אום שבת". זעהען מיר פון דער גמרא אַז דוד המלכ'ס קערפּער נאָך זיין טויט האָט פאַרלאָרען יעדע הייליגקייט. די אידען האָבען קיינמאָל ניט פאַר־הייליגט קיין פּערזענליכקייט, משה, דער גרעסטער לערער אין אידענטום איז בלויז אַ מענש און אַלס אַזעלכען רעספּעקטירען זיי איהם. ישעיה, ירמיה און מיכה וכ' זיינען אַניך געווען גרויסע נביאים און דאָך בלויז מענשען, אָבער ניט אַזוי ביי די אמות העולם. אַלע זייערע הייליגע נאָך זייער תורה, זיינען מלאכים. ווייזען נאָר אויף זייערע מעלות, אָבער ניט די חסרונות; זייערע גייסטליכע פאַרגיבען אַלעמענס זינד, און גיבען אַרויס צו זייערע קליענטען אַ התר צו זינדיגען ווייטער...

און אַז די אמות העולם וועלען זעהען די וויכטיגקייט פון יהדות — יודאַאיזם — און וועלען פאַרשטעהן די ערע פון משיח'ס צייטען, דאַן וועלען זיי ברייננגען „מתנות" צו מלך המשיח אַזוי ווי די גמרא זאָגט אונז: „עתידה שתביאן דורון למשיח וכ' אמר הקב"ה למשיח קבל מהם אכסניה עשו לבני במצרים, מיד יאתיו חשמנים מני מצרים (תהלים ס"ח, פסחים קי"ח). — „גאָט וועט זאָגען צו משיח'ן: נעם צו פון זיי די „מתנות", מיינע קינדער האָבען דאָך פאַרט געהאַט אכסניה אין מצרים, דאַן וועלען קומען מתנות פון מצרים.

די אמות העולם וועלען זעהן אַז די אמה הישראלית איז פאָרט די גרעסטע אמה, וועלכע האָט דורכגעפירט די העכסטע אידעאַלען — גליק פאַר דער גאַנצער וועלט — און זיי האָבען געוואָרפען אין די אידען שטיינער... אָבער איצט זיינען די אידען די ליכט פון דער וועלט. און אַלע פעלקער וועלען שטראָמען צום מלך המשיח.

יעצט וועלען מיר צוגעהן צו משיח'ס צייט נעהענטער.

שמו של משיח וזמנו.

מה שמו של משיח? דבי ר' שילא אמרי שילה שמו שנאמר עד כי יבוא שילה, דבי ר' ינאי אמרי ינון שמו שנאמר לפני שמש ינון שמו (תהלים ע"ב) דבי ר' חנינא אמרי חנינא שמו וי"א מנחם שמו (סנהדרין צ"ח) וכל השמות המה נרדפים על שם אומרם ר"ל שיושיע לכל איש, ויש בר"ת מנחם שילה ינון חנינא מלת „משיח" (שערי חיים סי' מ"ב.

חז"ל זיינען פאראינטערעסירט מיט משיח'ן, פאַרשען אויס זיין נאָמען און ערקלערען ווי משיח" בן־דוד וועט הייסען. דבי שילה זאָגען אז זיין נאָמען איז שילה ווארום עס שטעהט אין פסוק: עד כי יבוא שילה" — ביז וואנען עס וועט קומען שילה. — דבי ר' ינאי זאָגען „ינון" וועט זיין נאָמען זיין, ווארום דער פסוק זאָגט „לפני שמש ינון שמו" — זיין נאָמען וועט אויף אייביג הערשען, אזוי ווי די זון איז, וועט זיין בערוף זיין — אלע וועלען זיך מיט איהם בענטשען. פעלקער וועלען איהם גליק ווינשען. דבי ר' חנינא זאָגען חנינא איז זיין נאָמען, און אנדערע זאָגען מנחם איז זיין נאָמען, און אלע נעמען האָבען איין באדייטונג, אז ער וועט העלפען איטליכען מענשען אין ר"ת מנחם — טרייסט, שילה (כי יביאו עמים שי לו — עם וועלען ברייגגען פעלקער צו איהם מתנות), ינון — הערשאפט, חנינא — ליבשאפט, —די אלע נעמען בר"ת איז דאָס וואָרט „משיח". מיט איין וואָרט „משיח" וועט זיין אַ מאַן פון קראפט, וואָס וועט הערשען מיט מאַכט, מיט גרויסען גייסט פון גאָט'ס גנאָד, מיט ריינעם האַרץ, מיט אייזען — רוט און העלדישען פאַרשטאַנד.

חבלי משיח.

איידער עס וועט קומען משיח וועט זיין חבלי משיח — אזעלכע ווייטאגען ווי די ווייטאגען פון א געווינערען, דורך די מלחמות פון גוג ומגוג (פסחים קי"ח). אין בבל וועט ניט זיין חבלי משיח (כתובות קי"א), עס קען זיין דערפאר וואס דארטען וועלען ניט זיין קיין אידען. חבלי משיח וועט זיין פון די שרעקליכע מלחמות גוג ומגוג און פון די מלחמות איבער פאלשע משיחים — מענשען וועלען זיך ארומרייסען, ווי די ווילדע חיות; די ערד וועט אנגעזאפט ווערען מיט בלוט, טייכען בלוט וועלען פליסען פון מזרח קיין מעריב און פון דרום קיין צפון; אלע חיות, בהמות וועלען טרינקען מענשען־בלוט; אלע פעלדער. אלע גערטנער. אלע טראקטען און אלע וועגען וועלען פארגאסען ווערען מיט מענשען־בלוט.... און אין מיטן דער צייט פון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט באווייזען דער אמת'ער משיח — משיח בן־דוד.

„א"ל ר"נ לר' יצחק מי שמיע לך אימת אתי בר נפלי? א"ל מאן בר נפלי? א"ל משיח. משיח בר נפלי קריה ליה? א"ל אין דכתיב: ביום ההוא אקים את סכת דוד הנופלת." (עמוס ט' י"א סנהדרין צ"ז). א"ל ר"נ לר' יצחק ווייסטו דען ניט ווען וועט קומען בר נפלי? זאגט ר' יצחק, ווער איז דאס בר נפלי? ענטפער רב נחמן: דאס איז משיח. צו דען רופט מען משיח'ן בר נפלי? זאגט ער יע, עס שטעהט אין פסוק: „אין יענער צייט וועל איך אויפשטעלען דוד'ס צופאלענעביידעל, איך וועל פארצוימען אלע צובראכענע ערטער. איך וועל אויפשטעלען זיינע צושמעטערטע געביידעס, און וועל עס אויפבויען ווי אין די אלטע צייטען."

א"ל הכי א"ר יוחנן אין דעם דור ווען בן דוד וועט קומען וועלען תלמידי חכמים ווערען ווינציגער און ביי די איבעריגע וועלען זיך די אויגען אויסלעשען אין טרויער און זיפצען, און פילע צרות און שווערע גזרות וועלען זיך באנייען, די ערשטע ווערט דערמאנט און די צווייטע לויפט אונטער.

ת"ר שבוע (שבע שנים) שבן דוד בא בו. שנה ראשונה מתקיים מקרא זה והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר (עמוס ד') שניה חיצי רעב משתלחים, שלישית רעב גדול ומתים אנשים ונשים ועץ חסידים ואנשי מעשה ותורה משתכחת מלומדיה, ברביעית שובע ואינו שובע. בחמישית שובע גדול ואוכלין ושותין ושמחין ותורה חוזרת ללומדיה, בששית קולות בשביעית מלחמות שהיא אתחלתא דגאולה ובמוצאי שביעית בן דוד בא (סנהדרין צ"ז). — זיבען יאהר פריהער ווען משיח וועט קומען וועט זיין אזוי. דער ערשטער יאהר וועט מקוים ווערען דער פסוק: אויף איין שטאדט האב איך רעגען געשיקט און אויף דער אנדערער — קיין רעגען. דער צווייטער

יאָהר הייבט זיך אָן שוין הונגער. דער דריטער יאָהר א גרויסער הונגער פון וועלכען עס שטארבען מענער. פרויען, קינדער, חסידים און אַלע פירער. און די תורה וועט פארגעסען ווערען פון די לערנער. פערטער יאָהר זאט און ניט זאט, א מיטעלמעסיגער יאָהר. פינפטער יאָהר א זאטקייט, מען וועט עסען טרינקען און פריילאך זיין און די תורה קערט זיך אום ווייטער צו איהרע לערער. דער זעקסטער יאָהר איז קולות, קלאנגען. דער זיבעטער יאָהר — מלחמות. סוף זיבעטער יאָהר בן דוד קומט. אמר מר אין זעקסטען איז קולות. אין זיבעטען איז מלחמות דאס איז דער אנפאנג פון דער גאולה און צום סוף זיבעטען יאָהר קומט אָן משיח בן דוד (סנהדרין צ"ז).

„ויראני ד' ארבעה חרשים" (זכריה ב') מאי נינהו? א"ר שמעון חסידא: משיח בן דוד ומשיח בן יוסף אליהו וכהן צדק (סוכה נ"ב) „דאָן האָט מיר גאָט געוויזען פיער מוסטערען, ווער זיינען זיי? האָט געזאָגט ר' שמעון חסידא דאס זיינען זיי: משיח בן דוד אליהו וכהן צדק (כהן צדק — זה שם בן נח).

וספדה הארץ משפחות משפחות (זכריה י"ב) מאי עבידתיה? פליגי בה ר' דוסא ורבנן חד אמר על משיח בן יוסף שנהרג וכו' ת"ר משיח בן דוד שעתיר להגלות במהרה בימינו אמר הקב"ה שאל ממני דבר ואתן לך (תהלים ב') וכון שראה משיח בן יוסף שנהרג אמר לפני הקב"ה איני מבקש ממך אלא חיים וכו' (סוכה נ"ב).

„די גאַנצע וועלט וועט אין טרויער זיין, וואָס איז די אורזאך? קריגען אין דערויף ר' דוסא ורבנן. איינער זאָגט אויף משיח בן יוסף וואָס ער איז געהארגעט געווארען וכ' ת"ר משיח בן דוד וואָס ער באדארף קומען אינגיכען האָט איהם גאָט געזאָגט: בעט ביי מיר וואָס עס איז און איך וועל דיר געבען. אָבער גלייך ווי ער האָט דערזעהן אז משיח בן יוסף איז דערהארגעט געווארען האָט ער געזאָגט רבונו של עולם: איך בעט פון דיר ניט מעהר ווי לעבען וכ'" (סוכה נ"ב).

דריי טעג פריהער איידער משיח וועט קומען וועט אָנקומען דער מבשר אליהו הנביא און וועט זיך אנידערשטעלען אויף די בערגער פון ארץ ישראל. וועט וויינען און וועט קלאָגען אויף זיי, און וועט אזוי אויסשרייען, בערג! בערג פון ארץ ישראל ביז ווילאנג וועט איהר אזוי שטעהן אין וויסט־פינסטער־לאנד! (זיין קול וועט געהערט ווערען אויף דער גאנצער וועלט). דערנאָך וועט ער אויסשרייען בזה הלשון: עס איז געקומען שלום אויף דער וועלט אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום". „ווי שעהן וועלען זיין אויף די בערג די פיס פון דעם מבשר וואָס מאכט הערען שלום. דעם צווייטען טאָג וועט זיך נאָך אמאָל אליהו הנביא

אנידערשטעלען אויף די בערג פון ארץ ישראל, און ער וועט אויסרופען בזה הלשון. עס איז געקומען א טובה אויף דער וועלט! אזוי ווי עס שטעהט ווייטער אין פסוק, אז אליהו הנביא וועט זיין א מבשר טוב, דעם דריטען טאג וועט זיך אליהו הנביא ווייטער אנידערשטעלען אויף די בערג פון ארץ ישראל און וועט אויסרופען: עס איז געקומען א ישועה אויף דער וועלט! אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק משמיע ישועה אמר לציון מלך אלהיך. אין דער צייט וועט גאט באווייזען זיין כבוד און געוועלטיגקייט פאר דער גאנצער וועלט. און ער וועט אויסלייזען די אידען וכ' (פסיקתא רבתי סוף פל"ה)!

ר"א אומר ימות המשיח ארבעים שנה, ר' דוסא אומר ד' מאות שנה וכ' (סנהדרין צ"ט) בימות המשיח יהיה עת צרה ליעקב וממנה יושע.

ר"א זאגט אז משיח וועט [illegible] אין פערציג יאהר ארום; ר' דוסא זאגט אין פיר הונדערט יאהר ארום וכ' אין משיח'ס צייטען וועט זיין א געפערליבע צייט פאר יעקב און פון איהר וועט ער געהאלפען ווערען.

סימני הגאולה.

בעקבות משיחא חוצפא יסגא ויוקר יאמר וכ׳ וחכמות סופרים תסרח ויראי חטא ימאסו והאמת תהא נעדרת, נערים פני זקנים ילבינו. זקנים יעמדו מפני קטנים. בן מנוול אב. בת קמה באמה כלה בחמותה, אויבי איש אנשי ביתו, פני הדור כפני הכלב הבן אינו מתביש מאביו ועל מה יש לנו להשען אלא על אבינו שבשמים (סוטה מ״ט).

ווי וועט מען דערקענען אז עס דערנעהנטערט זיך משיח׳ס צייטען, זאָגט די גמרא, אין סוטה מ״ט, פאַר׳ן קומען פון משיח׳ן וועט זיך שטאַרקען די חוצפא, די עזות פנימער וועלען ארויסשפּרינגען פרעך און רייסען אלעמען די אויגען. און די חכמות פון די סופרים וועט קיינע נוצען ניט ברייננגען און די וואָס האָבען מורא פאַר א זינד וועלען ווערען פאַרמיאוסט. און דער אמת וועט ווערען פאַרפעלט. יונגעלייט וועלען פאַרשעמען אלטע, אלטע וועלען זיך אויפשטעלען פאַר יונגע. א זון וועט באַשמוצען א פאָטער, א טאָכטער וועט זיך שטעלען פרעך אנטקעגען א מוטער; א שנור אנטקעגען א שוויגער. אין איין פאַמיליע וועלען זיין איינער דעם צווייטען שונאים. דער דור וועט זיין אזוי ווי א כלב. דער זוהן וועט זיך ניט שעמען פאַר׳ן פאָטער און אויף וועמען זאָלען מיר זיך פאַרלאָזען נאָר אויפן פאָטער אין הימעל.

אין בן דוד בא עד שיכלו שני בתי אבות מישראל ואלו הן: ראש גולה שבבבל ונשיא שבא״י (סנהדרין לח). — „משיח קען ניט קומען ביז וואנען עס וועלען זיך ענדיגען צוויי בתי אבות ביי אידען און דאָס זיינען זיי: דער ראש גולה אין בבל און דער נשיא אין ארץ ישראל.

א״ר ירמיה בר אבא דר שבן דוד בא קטיגוריא בת״ח צירוף אחר צירוף (גזרות על גזרות) בזוזי ובזוזי דובזוזי (שוללים אשר ישללו משוללים) וכ׳ (סוף כתובות) — האָט געזאָגט ר׳ ירמיה בר אבא דער דור אין וועלכען בן דוד משיח וועט קומען וועט זיין קטיגוריא — רכילות אויף תלמידי חכמים, גזרות אויף גזרות, רויבער וואָס וועלען רויבען פון רויבער וכ׳.

א״ר יצחק אין בן דוד בא עד שתתהפך כל המלכות למינות (סנהדרין צ״ז) עד שירבו המסורת (שם). א״ר יוחנן אין בן דוד בא אלא שכלו זכאי און כלו חייב (שם צ״ח). אין בן דוד בא עד שיתבקש דג לחולה ולא ימצאו, עד שתכלה מלכות הזלה מישראל, עד שיכלו גסי הרוח מישראל, עד שיכלו כל שופטים ושוטרים מישראל. — א״ר יצחק: משיח וועט ניט קומען ביז וואנען די מלכות וועלען איבערגעקערט ווערען צו פריידענקער. עס וועט זיך מעהרען די מסירה. ר׳ יוחנן זאָגט אז משיח קען קומען נאָר דאַן ווען דער דור איז אינגאַנצען אָרענטליך אָדער אינגאַנצען אומאָרענטליך. משיח קען ניט קומען

ביז וואַנען מען וועט זוכען אַ פיש פאַר אַ קראַנקען און מען וועט ניט געפינען; משיח קען ניט קומען ביז וואַנען די אידען וועלען ניט האָבען די רעכט צו זאָגען אין דער רעגירונג די קלענסטע זאַך. ביז וואַנעט עס וועלען זיך ענדיגען די בעלי־גאוות פון די אידען, ביז וואַנעט עס וועלען זיך ענדיגען שופטים ושוטרים מישראל. א"ר אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל נשמות שבגוף — שנאמר כי רוח מלפני יעטף (ישעיהו נ"ז) נשמות שבאותו חצר ששמו גוף (יבמות ס"ב רש"י). ולכן אמרו הגרים בתנוקות מעכבין את המשיח. דנסיב דנסיבי קטנות דלאו בנות נינהו ולא ישתתפו להוריד את הנשמות מאוצר הגוף, והגרים אין להם הנשמות מאוצר הזה כי נולדו בהיותם בגויותם (נדה י"ג רש"י). — א"ר אסי משיח קען פריהער ניט קומען ביז וואַנען עס וועלען זיך ענדיגען אַלע נשמות וואָס זיינען אין גוף, ווארום עס שטעהט אין פסוק מיין גייסט איז איינגעוויקעלט און די זעעלען האָב איך אַליין דאַך באַשאַפען. די נשמות וואָס זיינען אין חצר וואָס זיין נאָמען איז גוף. פאַר דערפאַר האָבען זיי געזאָגט אַז די גרים און די שפּילער מיט די קינדער — מיידלאַך — האַלטען אָפּ משיח'ן ווארום זיי נעמען זיי קליינע און זיי קענען ניט געווינען. און די גרים האָבען קיינע נשמות אין אידישען אוצר הגוף וואו די אידישע נשמות געפינען זיך איין.

די אמונה אין בית המשיח איז גרויס אין אַלע צייטען, ורבי ירמיה מפקד אלבשוני חיורין — יהבו מסנאי ברגלי וחוטרא בידי ויהבוני על סיטרא, אין אתו משיחא אנא מעתה להשען (ירוש. כלאים פ"ט דף לב ע"ב). — רבי ירמיה האָט געזאָגט: טוט מיך אָן נאָך מיין שטאַרבען אין ווייסע תכריכין, טוט מיר אָן די שיך, און מיין שטעקען אין מיין האַנט, און לייגט מיך אויפן זייט, און אַז משיח וועט קומען בין איך גרייט צו געהן.

און איינע פון די דרייצען עקרים איז דאָס צו גלויבען אין ביאת המשיח (אע"פ ער וועט זיך פאַרזאַמען ווארט אויף איהם ער וועט קומען) און גאָט אַליין צוליעב זיין ערך־אלקים (גאָטעס ווירדע) איז מחויב אויסצולייזען זיין פאָלק, ווארום ער האָט מיט זיי כורת ברית געוועזן. כאָטש זיי וועלען חו"ש ניט יחזור בתשובה זיין.

ציּוּרת מרן הבעל שם טוב, זי"ע.

סימני הגאולה נאָכן בעל שם הקדוש: משיח'ס צייטען וועלען זיין. זאָגט ער, ווען דער מענש וועט טאָן וואָס גוט און רעכט איז, פון זיין אייגענעם נאַטירליכען ווילען, בשעת ער וועט אפילו נישט גערענקען, אז ער טוט רעכט, און וועט נאָך וויניגער זיין צוליב דעם דערהויבען ווייל קיין מענש איז נישט שטאָלץ מיט דעם וואָס ער געהט אָדער ער שלאָפט. דאמאָלסט וועט רעכט־פערטיגקייט זיין פארקערפערט אויף דער וועלט, און די קליפה וועט זיין געשלאָגען, און יעדער מענש וועט בכח זיין צו מאכען הימלישע באהעפטונגען און האָבען עלית נשמה.

דער משיח-אידעאַל נאָכ'ן זהר

דער „ספר זהר“ איז גלייך צו אַ וואָלקאַן, וואָס שפּריצט מיט פייער. דער „זהר“ איז געשריבען אין אַן אַלטער אַראַמייאישער שפּראַך. עהנליך צו דער שפּראַך פון תלמוד. און ענטהאַלט די רייד פון שמעון בן־יוחאי און אַנדערע פאַרצייטיגע חכמים. זייערע רייד זיינען אָנגעקניפּט אָן פּסוקים פון דער תורה און זיינען אויסגעשטעלט לויט דער אָרדנונג פון די חומשים. ר' שמעון בן־יוחאי ווערט פאָרגעשטעלט אין זוהר אין דער געשטאַלט פון אַ הייליגען צדיק. צו וועמען עס ענטפּלעקען זיך מלאכים און ער זיצט אין אַ קרייז פון צדקים און דערצעהלט זיי די גרויסע סודות פון הימעל, פון דער ערד און דער מענשליכער נשמה. דער גרונד־געדאַנק פון „זהר“ באַשטעהט אין דעם, אַז אין די ערצעהלונגען און געבאָטען פון דער תורה זיינען פאַרבאָרגען טיפע סודות. מיט וואָס וואָלט די תורה הייליג געווען — טענה־ט ר' שמעון בן־יוחאי — ווען גאָט זאָל וועלען אין איהר דערצעהלען אַזעלכע פּשוט'ע זאַכען ווי למשל די מעשה פון הגר און עשו, יעקב און לבן? אַזעלכע מעשיות קען דאָך פאַרפאַסען יעדער שטערבליכער, ניין. די ערצעהלונגען זיינען נאָר די אויסערליכע קלייד פון די געטליכע סודות, וואָס נאָר אויסגעוועהלטע מענשען קענען באַנעהמען. ר' שמעון האָט אַרונטערגענומען דיזע קלייד, און ניט לאַנג פאַר זיין טויט האָט ער צוזאַמענגערופען זיינע תלמידים און האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט די געטליכע סודות. „דער הייליגער זקן („עתיקא קדישא“, גאָט) — האָט ער געלערענט — איז פאַרבאָרגען. ווייט פון דער וועלט וואָס מיר זעהען מיט די אויגען. דאָך איז זי מיט איהם צונויפגעבונדען. ווארום אַלץ האַלט זיך אויף איהם און ער איז ענטהאַלטען אין אַלץ, ער האָט און האָט ניט קיין געשטאַלט; ער האָט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז אין אַלץ; ער האָט ניט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער איז אומבאַגרייפליך. ווען ער האָט זיך געשטאַלטעט האָט ער אַרויסגעגעבען ניין ליכטער, וועלכע שיינען מיט זייער גלאַנץ און וועלכע געהען זיך פאַנאַנדער אין אַלע זייטען. ער איז איינס מיט זיי; דאָס זיינען די שטאַפּלען איבער וועלכע עס באַוויזט זיך דער הייליגער זקן, דאָס זיינען זיינע געשטאַלטען. זיין קאָפּ איז די העכסטע חכמה. זיין שטערען איז די באַרמהאַרציגקייט. און אַזוי ווייטער. אָט אַזעלכע געהיימניספולע רייד פאַרנעהמען אַ באַדייטענדען טייל פון דעם „זהר“. צוזאַמען דערמיט באַגעגענען זיך שעהנע פּאָעטישע באַשרייבונגען. עס ווערען באַשריבען די געיימניסען פון גן־עדן און גיהנום, פון גוטע און שלעכטע גייסטער. די שלעכטע גייסטער דרינגען אָפט אַריין אין דער נשמה פון דעם מענשען און וועקען אין איהם זינדיגע געדאַנקען. יעדע עבירה גיט איבער דעם מענשען אין דער שליטה פון שדים, און יעדע מצוה גיט איהם איבער

אין דער שליטה פון די גוטע מלאכים. אין „זהר“ רעדט זיך אויך, אין זעהר טונקעלע ווערטער, וועגען דעם „קץ“, דאָס הייסט משיח'ס צייטען, וועלכער וועט קומען דעמאָלט ווען עס וועט ווערען זעקס טויזענט און זעכציג אָדער זעקס־און־זעכציג יאָהר זינט די וועלט איז באשאפען געוואָרען. דעמאָלט וועט פאָרקומען אַ שרעקליכע מלחמה צווישען אדום און ישמעאל (די קריסטליכע און מאַחמעדאנישע וועלט). און אַ דריטע קראַפט וועט זיי באַזי־גען. איין אויסרעכענונג פון „זוהר“ איז געשטיצט אויף דעם שם המפורש. די אותיות „ה“ און „ו“ זיינען צוטיילט געוואָרען, ווען די אידען זיינען אוועק פון גלות. די „ה“ צייגט אויף די ערשטע פינף טויזענט יאָהר פון בריאת העולם, די „ו“ אויף דעם זעקסטען טויזענט. ווען עס וועט קומען דאָס זעקסטע טויזענט יאָהר, דאַן איז דער אָנפאַנג פון דער גאולה. עס קומען נאָך אָבער צו זעכציג יאָהר, לויט דעם חשבון וואָס מען כפל'ט די „ו“ (6) ביי דער „י“ (10). לויט דעם חשבון איז דאָס יאָהאַר פון אויסלייזונג ה'ס (1300), נאָכדעם וועט די „ה“ שטייגען אַלע זעכציג יאָהר צו אַ העכערע מדרגה, ביז צו דעם יאָהר 1840, ווען די טויערען פון חכמה וועלען זיך עפענען און די וועלט וועט ווערען גרייט פאַר דעם זיבעטען טויזענט יאָהר, וואָס איז אין דער בחינה פון שבת. אַן אַנדער אויסרעכענונג איז אַז דאָס משיח־יאָהר איז דאָס יאָהר 1306.

ווייטער ווערט אויסגערעכענט אַז די צוועלף שבטים שטעלען פאָר צוועלף הונדערט יאָהר פון גלות. זייט דעם חורבן פון בית המקדש. דאָס קומט אוים דאָס יאָהר 1268. נאָכדעם וועט זיך אָנפאַנגען די פינסטערע נאַכט פון אידענטום, וואָס וועט אָנהאַלטען 66 יאָהר. דאַן, אין יאָהר 1334, וועט משיח ערשיינען און מיט 66 יאָהר שפּעטער (1400), וועלען די אותיות פון גאָט'ס נאָמען זיך באַוויזען אין זייער גאַנצער לויטערקייט. מיט 132 יאָהר שפּעטער וועלען אויפשטעהן די טויטע פון ארץ ישראל און מיט 144 יאָהר שפּעטער (1676) וועט פאָרקומען תחית המתים אין די אַנדערע לענדער. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע אויסרעכענונגען אין „זהר“ פאַר דעם יאָהר פון משיח'ס קומען און פאַר דעם יאָהר פון תחית־המתים. און איינער פון זיי איז דאָס יאָהר ת"ח (1608), וואָס איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען פון שבתי צבי פאַר דאָס יאהר פון אידישער אויסלייזונג. אויפן גרונד פון דיזע און אַנדערע פאָראויסזאָגונגען אין דעם „זהר“ האָבען פיעלע ערוואַרטעט דאָס קומען פון משיח'ן אין פאַרשידענע צייטען; דער „זהר“ איז געוואָרען דער הייליגער ספר פון די מקובלים. דער תנ"ך פון דער „קבלה“ און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזע סעקטען אין אידענטום און אויף דער ענטוויקלונג פון משיחישען אידעאַל.

משיח'ס צייטען — ער געהט.

„ — מזל־טוב אייך. ליבע ברידער !
הוליעט אידען. אָהן אַ שיעור !
אַלע אָדערען און גלידער זינגען.
פרעהען זיך אין מיר...

וואָס מיר עשו, ווער מיר המן,
וואו מיר אנגסטען, שרעק און לייד;
לויבט און דאַנקט זיין ליבען נאָמען,
זינגט און טאַנצט — משיח געהט !

יא, דער אמת'ער. דער אַלטער
גואל־צדק. אין דער האַנט
נישט קיין פאָהן — אַ שופר האַלט ער,
בלאָזט און רופט אין הייליג לאַנד:

„ — מלא חדוה. מלא דיצה.
קומט. רב איצע, קומט, רב פיצע,
גרייט זיך — צו אין איין מעת־לעת
מיט דעם גאַנצען פארגעניגען:
מיט די וויגען, מיט די ציגען.
מיט'ן פסחדיגען געפעס;
אַלע פיינע, אַלע וואוילע,
פרומע קינדער אויף דער וועלט!"...
הילכיג געהט די תקיעה גדולה.
פרעהליך שפרינגען וואַלד און פעלד...
און אַן עק דער סדרה בלק!...

ש. פ.

דער משיח אידעאַל פון די גדולים.

(רש"י, רבי יהודה הלוי, רמב"ם, רמב"ן.

רש"י. רבי שלמה יצחקי האָט געלעבט פון 1040־1105. אין דער יוגענט האָט רש"י געלערענט תלמוד אין די ישיבות פון די „חכמי לותרניה". אזוי ווי דער פאַרצייטיגער תנא רבי עקיבא, האָט רש"י שוין נאָך דער חתונה פאַרלאָזען זיין פאַמיליע און האָט זיך געוואָגעלט פון שטאָדט צו שטאָדט צו הערען גאָט'ס וואָרט פון די ליפּען פון גרויסע לעהרער. און אזוי ווי דער תנא חנינא בן דוסא האָט זיך מסתפּק געווען בקו חרובין מערב שבת לערב שבת, אזוי האָט רש"י אויך זיך געפּלאָגט. „איך האָב געאַרבייט — דערצעהלט ער — אונטער די השגחה פון מיינע לעהרער, אין אַ צייט ווען איך האָב ניט געהאַט קיין ברויט. קיין קליידער און האָב געהאַט אויף מיינע פּלייצעס דעם יאָך פון אַ הויזגעזינד". רש"י איז באַשערט געווען איבערצולעבען די שרעקליכע יאָהרען פון דעם ערשטען קרייצוגג. די אידישע צרות אין זיין פּיוט: „תנות צרות לא נוכל" — „קענען מיר ניט אויסדערצעהלען די צרות וואָס מיר האָבען געהאַט אַלע טאָג ברעכעניש און זיפצען. און א. וו." דאָס ווערט געזאָגט נאָך דער „עבודה" פון יום כפּור.

ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אויסצורעכענען דעם „קץ" און אין זיין פּירוש אויף די משיחישע פּסוקים פון דניאל. רעכענט ער אויס, אַז דאָס יאָהר 1352, וועט זיין דאָס יאָהר פון דער גאולה. אין זיין פּירוש צו סנהדרין (דף צ"ז) ברייננגט ער אין נאָמען פון זיין רבי'ן, רב שמואל בן דוד, אַן אויסרעכענונג אַז דאָס יאָהר 1478, איז דאָס משיח יאָהר.

אַ באַמערקונג מוזען מיר מאַכען, אַז די אידישע חכמים. צו וועמען די אויגען פון אידען איבער דער גאַנצער וועלט זיינען געווען געווענדעט, האָבען געמוזט זוכען אַ וואָרט פון טרייסט צו שטאַרקען די האָפנונגען. כאָטש זיי אַליין זיינען געווען אומצופרידען מיט די משיחישע אויסרעכענונגען.

רבי יהודה הלוי.

די אידישע פּאָעזיע אין שפּאַניען האָט דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה אין די לידער פון רבי יהודה הלוי. געבאָרען געוואָרען איז ער אין דעם קריסטליכען קאַסטיליען (פון 1086-1142). נאָך אין דער יוגענט האָט ער זיך אריבערגעצויגען אין דרום, אין אראבישען שפּאַניען, וואו ער האָט געקראָגען אַ העכערע בילדונג אין די ישיבות פון די בעסטע תלמודיסטען און פילאָזאָפען. ער האָט אויך שטודירט מעדיצין, און שפּעטער ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין קאַסטיליען. האָט ער געצויגען זיין חיונה פון היילען קראַנקע. געשטאָרבען איז ער אין ארץ ישראל. רבי יהודה הלוי איז געוועזן ניט נאָר אַ גרויסער משורר, נאָר אויך אַ טיפער דענקער. דאָס קען מען זעהן פון זיין פילאָזאָפישען ספר „הכוזרי". וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אין אראביש, און וועלכער איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האָט ער געווידמעט דער פּאָעזיע. דער פילאָזאָפיע און רעליגיעזען דענקען. אלס פּאָעט שטעהט רבי יהודה הלוי העכער פון אַלע זיינע פאָרגעגנער, אפילו פון רבי גבירול'ן. אזוי ווי רבי יהודה אלחריזי שרייבט וועגען איהם: „הוא בא באוצר השיר, ושלל את בית נכתו ויצא וסגר השער אחרי צאתו וכל ההולכים בנתיבותיו לא ישיגו אבק מרכבותיו". אויך „היינע" המשורר שרייבט וועגען רבי יהודה הלוי, אז ער איז געשטאָרבען „בנשיקה" און דער אָפּקלאַנג פון „גאָטעס" קוש האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע שירים. רבי יהודה הלוי האָט אויך געמאַכט פאַרשידענע אויסרעכענונגען. אין איינעם פון זיינע שירים ווייזט ער אָן, אז דאָס יאָהר 1130 וועט זיין דאָס יאָהר פון דער גאולה, ווען די הערשאַפט פון ישמעאל וועט פאַלען.

רמב״ם

רמב"ם — רבי משה בן מימון.

(חי מן 1135־1204)

הענק הגדול רמב"ם אשר בצדק אמרו עליו: „ממשה (רבנו, בן עמרם) עד משה (בן מימון) לא קם כמשה" — כתב גם כן אודות הגאולה: ,

אין דער „אגרת תימן" (הוצאת האלוב, זייט 45), שרייבט דער רמב"ם: „די פינקטליכע צייט ווייסען מיר ניט זיכער. אָבער איך האָב אַ וואונדערבאַרע קבלה. וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיין פאָטער און זיידען און זיי האָבען איבערגענומען פון זייערע עלטערען. ביז דער אָנפאַנג פון אונזער גלות, און דאָס איז, אַז אין פסוק פון בלעם (במדבר כ"ג), „כעת יאמר ליעקב ולישראל, „מה פעל אל" — „יעצט וועט געזאָגט ווערען צו יעקב'ן און ישראל'ן וואָס גאָט האָט געטאָן — איז פאַראַן דער סוד פון דער אויסלייזונג.

דער רמב"ם מאַכט דאָן אַן אויסרעכענונג, אַז פון דעם טאָג וואָס דער פסוק איז געזאָגט געוואָרען ביז צו דער גאולה, זיינען פאַראַן אַזוי פיעל יאָהרען, ווי פון דעם טאָג וואָס די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען ביז צו דעם טאָג וואָס דער פסוק איז געזאָגט געוואָרען. און אַזוי אַרום קומט אויס אַז משיח וועט קומען אין דעם יאָהר 1216.

אויף יענער צייט, ווען משיח וועט קומען. זאָגט דער רמב"ם (פרק ב'. הלכות מלכים), אַז: „דעמאָלט וועט ניט זיין קיין שווערד, עס וועלען ניט זיין קיין מלחמות, עס וועט ניט זיין קיין קנאה און קאָנקורענץ: די שפע וועט זיין גרויס פאַר אַלעמען גלייך. אַלע פאַרגעניגענס פון לעבען וועלען זיין צוגענגליך פאַר יעדען איינעם, ביליג און פיל ווי זאַמד און ערד און די מענש־הייט וועט זיך באַשעפטיגען בלויז מיט איין זאַך: צו דערקענען די גאָטהייט און צו שטודירען זי".

רמב"ן — ר' משה בן נחמן.

דער רמב"ן. אָדער ווי ער הייסט אויך נחמני (1195-1270), איז געווען איינער פון די גרעסטע אידישע דענקער פון 13-טען יאהרהונדערט. אויסער תלמוד און די רבנישע ליטעראטור. האָט דער רמב"ן באַזעסען אויך אַ הויכע וועלטליכע בילדונג, האָט געלערענט דאָקטאָריע, און האָט געקענט גוט שפּאַניש און אַראַביש.

אין זיין „ספר הגאולה", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין לאָנדאָן, אין דעם יאָהר 1909. זוכט דער רמב"ן צו באַווייזען, אַז דאָס יאָהר 1358 וועט זיין דאָס יאהר פון אידישער אויסלייזונג. אַנדערע פּאַר איהם האָבען שוין אויך אָנגעוויזען אויף דעם יאָהר. די אויסרעכענונג איז לויט די פסוקים פון דניאל. דעם רמב"נס ראיות זיינען אָבער שטאַרק איבערצייגענד און זיי האָבען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין זיין דור.

דיזען רב. וועלכען די אידען האָבען געהאַלטען פּאַר אַ הייליגען. האָט דער אַראַגאַנישער קעניג גערופען צו אַ דיספּוט אין באַרצעלאָנאַ מיט די דאָמיניקאַנער אין דעם יאָהר 1263. זיין געגנער איז געווען דער גלח פּויליס קריסטיאַני, אַ משומד. די וכוחים האָבען געדויערט פיר טעג אין קעניגליכען הויף, אין דער אַנוועזענהייט פון דעם קעניג. די הויפּלייט, בעאַמטע פון די קירכע, ריטער און מענשען פון אַנדערע פעלקער. די וכוחים האָבען זיך געדרעהט אַרום פאָלגענדע פראַגען: 1) איז שוין משיח געקומען אָדער ער דאַרף ערשט קומען? 2) איז משיח גאָט אָדער אַ מענש? 3) וועמעס גלויבען איז דער ריכטיגער? פּויליס קריסטיאַני האָט זיך געשטיצט אויף פסוקים פון תנ"ך און אויף שטעלען פון תלמוד צו דערווייזען, אַז די קריסטליכע אמונה איז די אמת'ע. דער רמב"ן האָט באַוויזען, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען, ווארום לויט די ווערטער פון די נביאים דאַרף משיח ברענגען פרידען אויף דער וועלט און זיין קומען דאַרף מאַכען אַ סוף צו אַלע מלחמות, אָבער איצט הערשט נאָך איבעראַל געוואַלט און עס גיסט זיך בלוט אין אומאויפ־הערליכע מלחמות צווישען די פעלקער. דער רמב"ן האָט זיך מוטיג און ענטשלאָסען אָפּגעשלאָגען די בעווייזע פון זיין געגנער. ער האָט געזיגט. אָבער די שונאי ישראל האָבען איהם גערודפט און ער האָט פאַרלאָזען שפּאַניע און באַזעצט זיך אין ארץ ישראל.

מיינונגען פון אונזערע דורות וועגען משיח בן-דוד.

דער מלבי"ם האט אין זיין פירוש אויף דניאל געגעבען א געוויסען חשבון, אז משיח וועט קומען אין די יאהרען צווישען תרפ"ה און תרפ"ח. און ווען די רבנים פון זיין דור האבען איהם געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך ערלויבט צו אנצייגען דעם קץ. וואס אפילו יעקב אבינו האט מען דאס פארבאטען, האט דער מלבי"ם דערויף געגעבען דעם פאלגענדען כאראקטריס־טיש־גאונישען ענטפער:

„ווען איינער געהט ארויס פון ווילנא נאך בערלין, איז עס לעכערליך, אז ער זאל גלייך ביים ארויסגעהן פון ווילנא פאראויסזאגען ווען ער וועט אנקומען קיין בערלין, ווייל ער ווייסט ניט וועלכע סבות עס קענען זיך איהם מאכען אין וועג, און וואס מיט איהם קען נאך פאסירען אונטער דער צייט. אבער ווען ער געפינט זיך שוין נאהענט צו בערלין. מעג ער רעכענען אפילו די שטונדען און פאראויסזאגען וואו אין ווען ער וועט אנקומען אהין."

„פונקט אזוי, האט ער פארטגעזעצט. איז מיט אונזר „קץ". יעקב אבינו און אונזערע חכמי התלמוד, זיינען נאך געווען יאהר־טויזענטער אפגערוקט פון „קץ", האבען זיי ניט געקענט און ניט געדארפט אנצייגען קיין שום חשבון, אבער מיר, די איצטיגע אידען, זיינען שוין כמעט די גאנצע רייזע איבער־געקומען. מעגען מיר שוין חשבונ'ען און פאראויסזאגען. דאס וואס מיר ווייסען וועגען דעם קץ, לויט אונזער שכל."

דער „חפץ חיים", צדיק הדור, ר' ישראל מאיר הכהן זי"ע, האט זיך געהאלטען פאר א פשוטען אידען. ער איז געווען אויך א פראקטישער מענש. רעדען טאקע זיינע ספרים אין זייער פאלקסטימליכען אידישען לשון וועגען „פראקטישע" זאכען: וועגען זינד פון לשון הרע, וועגען היטען שבת. גמילת חסדים. זארגען פאר סאלדאטען, זיי זאלען עסען כשר, וועגען פארשטארקען אידישקייט אין ווייטע פרעמדע לענדער. און ווי באלד איינע פון די הויפט־מעלות פון ראדינער גדול איז „פראקטישקייט", האט ער טאקע אנגעשריבען א ספר וועגען די דינים פון קרבנות און אפילו אוועקגעזעצט אין ווילנע א מנין אידען, זיי זאלען לערנען די דינים פון קרבנות בריינגען. ווייל היינט־מארגען קען דאך קומען „משיח" און אידען האבען שוין פארגעסען די עבודה פון קרבנות. דארף מען זיך צוגרייטען!

הרב ש"ז שפירא שליט"א מירושלים עיר הקדש שרייבט אן אינטע־רעסאנט בריוועלע, א מין נבואה אויף היטלערן, ימ"ש. ער שרייבט אז ער האט געהערט, דאס עס געפינט זיך א כתב יד של הרב בעל נועם אלימלך, זצ"ל, וואו עס ווערט געזאגט בזה הלשון: „בשנת „תמחה עמלק" (תרצ"ג) לפרט. יעמד אחד לא מזרע המלוכה במדינת אשכנז וירדף את אחינו בני ישראל ובשנה שלאחריה שנת תרצ"ד יבא משיח צדקנו. ורמז לזה מתהלים מ"ג:

„שלח אורך ואמתך" ופירוש רש"י זצ"ל: אורך זו משיח ואמתך זו אליהו הנביא, והמספר „אורך ואמתך" עולה תרצ"ד.

מיר ווילען דאָס פאַרטייטשען און ערקלערען אין אידיש: אין דעם יאָהר „תמחה עמלק" דאָס הייסט אין איצטיגען יאָהר תרצ"ג. ווייל די ווערטער „תמחה עמלק" (דו זאָלסט אָפּמעקען עמלק'ן) באַטרעפען תרצ"ג, זעקס הונדערט מיט דריי און ניינציג. איז אין דעם דאָזיגען יאָהר וועט אויפשטעהן איינער ניט פון דער קייזערליכע דינאַסטיע אין דייטשלאַנד און וועט יאגען און פאַרפאָלגען אונזערע ברידער די אידען. און אין דעם קומענדען יאהר תרצ"ד, וועט קומען אונזער משיח אָנדייטונג אויף דעם געפינט זיך אין תהלים קאַפּיטעל מ"ג, „שלח אורך ואמתך" — שיק דיין ליכט און דיין וואַרהייט" זאָגט אויף דעם רש"י זצ"ל: „אורך, זו משיח ואמתך זו אליהו הנביא" „אורך מיינט מען משיח און ו„אמתך" מיינט מען אליהו הנביא. און די צוויי ווערטער „אורך אמתך" בעטרעפען תרצ"ד זעקס הונדערט מיט פיר־און־ניינציג.

מען זעהט באַשיינפּערליך אַז דאָס איז געמיינט דער צורר היטלער און זיין ממשלה און אינגיכען זיין מיאוסע מפלה.

[1] מאָרגען זשורנאַל־טאַגעבלאַט, דעם 16־טען אויגוסט 1933. נומער 9634.

בשביל המשיח.

א.

סוסו של משיח.

מול הירדן שם בית חרש;
חרש ברזל קל כפרש
עושה שם מלאכתו.
במפוח מלהיב הוא
פח־פח! פח פח! מלהיב הוא
אש, עד תלהט תחתו.
על הסדן ברזל בוער,
אדם כלו הוא וסוער
זועף ומפעפע;
אז הקרנס מכה בו,
הוק־הק! הוק-הק! — מכה בו.
רודד ומרקע
מה פה, חרש, עשה אתה?
— „עושה פה אנכי עתה
מכין ומניח
פרסת ברזל זאת בשביל —
הידד! הידד! זאת בשביל
סוסו של משיח!"

ב.

דגלו של משיח.

מול הירדן תחת שקמה
יושב איש בבית הרקמה.
נטוי על מלאכתו,
על הבד, על הכן
חיש־חש! חיש־חש!
גם הכן רוקם הוא במחטו.
בד וחבל. בוץ תפארה
ומקלעת שש יקרה
עם הדר ארגמן, —
את כל אלה רוקם הוא
ריק־ריק! ריק־ריק! —
רוקם הוא.
עושה מעשה אמן.
מה פה, רוקם, עושה אתה?
— עושה פה אנכי עתה
מכין ומניח
דגל יקר זה בשביל —
הידד! הידד!
זה בשביל מלך המשיח.

ג.

נשמת המשיח.

בשמים שבעה כרובים
הם כחלומות, חיש כזבובים
עומדים במערכה.
ועושים את המלאכה.
את כל נשגב, את כל נעלה,
את כל יפה, את כל מעלה.
את כל טוב וטהור, —
ואת כל זיו ומאור;
את כל חמלה על החלש
שבמכאוביו דם יתפלש
את כל אלה הם לוקחים
ובמרקחת רוקחים.
מה פה, כרובים, אתם עושים?
— את כל אלה אנחנו נושאים,
נכין אף נניח:
הידד! הידד, נעשה כה
את הנשמה נעשה כה
בעבור המשיח!

ד. פרישמאן.

אין דיזען וואונדערבארען שיר „בשביל המשיח“ ווערט געשילדערט ווי אלע מענשען גרייטען זיך מקבל פנים זיין דעם מלך המשיח. יעדער בעל מלאכה טוט דאס בעסטע לכבוד משיח'ן. דער שמיד מאכט פאדקאוועס פאר'ן פערד. דער וועבער מאכט א גארטעל. דער שטריקער מאכט א פאן פאר מלך המשיח. אויך די מלאכים אין די הימלען זיינען אויך שטארק פארנומען. זיי טוען זעהר א וויכטיגע מלאכה: זיי גרייטען די נשמה פאר'ן מלך המשיח. אפשר ווילט איהר וויסען פון וועלכע מאטעריאלען ווערט געמאכט די נשמה פון משיח'ן? פון אלץ דאס שעהנסטע, אלץ דאס בעסטע אלץ דאס ריינסטע, אלץ דאס הייליגסטע. דורכגעוועבט פון רחמים, ליעבע און איבערגעבענהייט...

דא האט אבער עטוואס טרויעריגעס פאסירט: אלע מענשען זיינען שוין לאנג פארטיג מיט זייער מלאכה לכבוד מלך המשיח. אבער די מלאכים האלטען נאך גאר ביים אנהויב, אפשר ווייסט איהר פארוואס? ווייל פאר זייער ארבייט האבען זיי די רעכטע מאטעריאלען ניט געפונען...

אין די באוואוסטע ליד פון ד. פ. „משיח“ ווערט מייסטערהאפט געשילדערט משיח ווי ער זיצט לעבען כסא הכבוד און מיט גילדערנע קייטען איז ער צו איהם צוגעבונדען. ער רייסט זיך פון כסא הכבוד ווייל ער קאן שוין ניט זעהן די מענשלאכע טרערען, ער קאן שוין ניט הערען די מענשלאכע קרעכצען. ער וויל געהן העלפען, אבער אומזיסט, ער בלייבט צוגעבונדען ווי געווען. פון גרויס פארצווייפלונג שטורעמט ער און שרייט צום בורא עולם: וואס האסטו מיר געגעבען א הארץ צו פילען, אויגען צו זעהן, הענט צו העלפען און מיינע הענט האסטו געבונדען.

און ס'הערט זיך א שטימע. ס'וועט אויפשטעהן א נייער דור, וואס וועט זיך גרייטען צו זיין באפרייט, און דאן וועסטו באפרייט ווערען און דאן וועסטו באפרייען... נאר ווי עס ווייזט אויס מיר זיינען נאך ניט גרייט צו דער באפרייאונג און מיר זיינען ניט ווערט באפרייט צו ווערען...

משיח בן דוד.

(א מאָדנער חלום מיט א ביטערען פּתרון;)

פון אליהו הוטנער.

און דאָס וואָס מענשען האָבען געטראכט טויזענטער יאָהרען, איז מיט אמאָל מקוים געוואָרען:

א פייערדיגער פערד איינגעשפּאַנט אין א פייערדיגען וואָגען האָבען געבראכט משיח בן דוד מיטן מבשר שלום — אליהו הנביא.

די בשורה האָט זיך שנעל ווי א בליץ פאַנאַנדערגעטראָגען איבער'ן ערד קוגעל. יוגענטליכע קראַפט האָט ארומגעכאַפּט דער גאַנצער מענשהייט: אַלע אידען ווי איין מענש, האָבען זיך אָנגעהויבען צו גרייטען אין וועג אריין, קיין ארץ ישראל — צו דעם לאַנד פון אונזערע אבות...

אין אונזער שטאָדט מאָנטרעאל האָט זיך געטאָן די זעלבע מעשים אזוי ווי אומעטום איבער דער גאָרער וועלט... מענשען פון קליין ביז גרויס באַצויבערט פון דער משיח-באַוועגונג האָבען זיך אין איילעניש געגרייט אין וועג אריין: געפּאַקט זאכען, ליקווידירט געשעפטען, מעבעל און פילע הויז זאכען פאַרקויפט בזיל הזול...

נאָך א שווערען פּעקעל האָבען געהאַט אויסצושטעהן די גבירים מיט פיל מיה האָט זיך זיי איינגעגעבען צו באַקומען זייערע גרויסע קאַפּיטאַלען, די בענק זיינען געבליבען פּוסט און ליידיג...

די ערב־רב־גוד־ווילניקעס האָבען זיך אויך ניט געלאָזט שטאַרק בעטען. א בענקונג צו משיח'ן און נאָך ארץ ישראל האָט זיך שטאַרק אַנטוויקעלט. צווייטענס — ווי בלייבט מען אַליין אין גלות צווישען שונאי ישראל?..

ויהי בין מנחה למעריב, ווען דער קרבן לילה (סאַפּער) איז אויפגע־געסען געוואָרען און דער פראַנצויזישער בכור „גאָגליו" איז דערשלאָגען גע־וואָרען, ווי אַלע בהמות, כמעט דאָס איז גאָר א ווילדע חיה... האָבען אונזערע אידעלאַך גענומען די פּעקלאַך אויף די פּלייצעס און „היידא" קיין ארץ ישראל.

ויסעו בני ישראל ממאנטרעאל לארץ ישראל — ביי זיבעציג טויזענט מאַן, אויסער קליינע קינדער און אויך פיעל ערב־רב „גודווילניקעס", א סך חסידי אמות העולם זיינען ארויסגעגאַנגען מיט זיי.

דער וועג איז געווען א שווערער; די שיף איז געווען געפּאַקט. אויף דער שיף האָט נאָך געהערשט דער אַלטער מנהג: ערשטע און צווייטע קלאַס זיינען

געוועז געפּאַקט מיט רייכע, און דער דריטער קלאַס — מיט אַלע אָרימע...
קומענדיג קיין ארץ ישראל האָט זיך צו זיי באַוויזען אליהו הנביא — אַ האַ־
ריגער מאַן, מיט אַ לעדערנעם גאַרטעל פאַרגעשטעלט, און ער האָט זיי געוואָ־
רענט צו האָבען געדולד און אַז מיט דער צייט וועט איטליכער איד דאָ געפינען
אַ מקום מנוחה.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַן אומצו־
פרידענהייט פון די רייכע, וואָרום פאַר קיינע געלט האָבען זיי ניט געקענט
קריגען קיין באַקוועמע דירות, כאָטש נעם שטוף אַרויס די אַלע תושבים פון
ארץ ישראל, ניטאָ מעהר קיין הייזער און די גבירים במחילת כבודם איז
אויסגעקומען צו שלאָפען אויפן פעלד אונטערען בלויען הימעל גלייך מיט די
אָרעמעלייט... די גבירים האָבען אַריינגעכאַפּט אַ היבשע פּאַרציע (אויף
ענגליש) פון זייערע פרויען... זיי האָבען שוין געוואָלט בויען הייזער, נאָר
קיין בעלי מלאכות, האָבען זיך ניט געפונען — אַלע זיינען געוועז פאַרנומען
אין דיסקוטירען די פראַגע פון דער משיח באַוועגונג. אפילו דינסטען האָט
מען פאַר געלט אויך ניט געקענט קריגען, און אונזערע מאַנטרעאַלער מאַדאַנעס
האָבען געמוזט זיך נעהמען צו דער ווירטשאַפט און איינריכטען זייערע מאַני־
קירטע, געפאַרבטע רויטע נעגעלאַך.

אַ רחמנות געבאַך אויף זיי.

און ווי אויף צו להכעיס, אַזוי ווי אויף די פליגלען פון אָדלערען האָבען
זיך געטראָגען טויזענטער מענשען קיין ארץ ישראל.

ממש תחיית המתים...

ניט קוקענדיג אויף די גרויסע וואונדער, נסים ונפלאות פון יענער
באַוועגונג דאָך האָבען אונזערע אידעלאַך, זאָלען געזונט זיין, (פון די רייכע
ערב רב „גודווילניקעס") געמורמעלט קעגען משיח'ן... וואָרום וואָס זיינען
זיי ערגער ווי דער ערב רב פון דור המדבר .. און די קינדער ישראל האָבען
געזאָגט: „וואָלטען מיר בעסער געשטאָרבען אין גלות, ווען מיר זיינען געזעסען
ביי דעם פלייש טאָפּ, אין די פּרעכטיגע אַפּאַרטמענט הייזער מיט פרידזשידעיר:
איצט האָט משיח אונז אַרויסגעבראַכט צו דעם דאָזיגען לאַנד, צו טויטען
דורך ענגשאַפט און אַרבייט... „נעשה ראש ונשובה למאָנטרעאַל". איז
געוואָרען איין גרויס געשריי.

משיח, וואָס איז געוועז שטאַרק פאַרנומען מיטן איינזאַמלען די אידע־
לאַך קיין ארץ ישראל, האָט געמוזט ערשיינען פאַר זיי ווי אַ פשוטער בשר
ודם. ער האָט געלאָזט וויסען די גראַמבלער, אַז ער וועט זיי אויפנעהמען אין
ירושלים פאַר אַן אוידיענץ.

דעם באַשטימטען טאָג פון קליין ביז גרויס, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן

קיין „ירושלים", און וואָס ווייטער מען איז געגאַנגען אַלץ גרעסער האָט געוואַקסען דער שטראָם פון מענשען. עס האָט זיך געבילדעט אַ ים פון קעפּ. דער ים האָט זיך געצויגן און געטראָגען די מענשען אַזוי ווי כוואַליעס. איינס איבערן אַנדערען, אַלץ ווייטער און ווייטער ביז מען איז געקומען קיין ירושלים.

משיח איז אַרויף אויף אַ בימה לפני קהל ועדה... משיח — אַ דאַרינ־קער, הויכער איד, מיט אַ מילדען געזיכט און צוויי שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, אַ מענש אין מיטעלע יאָהרען אָנגעטאָן פּשוט אָבער ציכטיג. זיין קול האָט געדונערט און מיט זיינע רייד האָט ער געלאָשען דעם פייער פון זיינע ברידער. ער האָט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע און דער תוכן פון זיינע רייד זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט דאַרפען זיין צופרידען מיט דער איצטיגער באַוועגונג. ניט נאָר אידען, אפילו די אמות העולם. ער האָט געלאָזט וויסען, אַז אַלע אידען טראָגען זיך ווי אויף אַדלער פליגלען קיין ארץ ישראל.

וואָס אַמבאַלאַנגט צו דער ענגשאַפט, איז „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל העולם"... ווער הייסט זיך דאָ ענגען? עס איז דאָ פיל ערד אין עבר הירדן און אַרום ארץ ישראל... דער קלימאַט איז דאָ זעהר אַ געזונטער, און וואוינען אויפן פעלד אין אַביידעל, באַלויכטען מיט אַ חלב'ן ליכטעל, איז אַ סך געזונטער ווי צו שלאָפען אין אַן אַפּאַרטמענט אויף די „מאָונטיינס" און אויפבויען אַ סוכה איז גאָרניט אַזוי שווער. מען דאַרף זיך גאָרניט פוילען. צווייטענס וועט זיין אַן אַנדער סיסטעם מהיום והלאה: געלט וועט ווערען אָפּגעשאַפט און „מעשים טובים" וועלען עס פאַרבייטען. למשל: די ערד פון דער גאַנצער וועלט וועט פאַרטיילט ווערען לפי מספר הנפשות. די מעהרהייט פון דער מענשהייט וועלען באַאַרבייטען די ערד, אַ טייל וועלען זיין בעלי־מלאכות, אַרבייטען 6 שעה אַ טאָג אָבער ניט זיין קיין „עבדים" ביי זייערע אייגענע ברידער. די פאַבריקען וועלען באַלאַנגען צום גאַנצען כלל ישראל; לערער וועלען לערנען אין די סקולס און אין אויסטויש וועלען די בעלי־בתים באַאַרבייטען זייערע פעלדער. מיט איין וואָרט — איינער וועט העלפען דעם צווייטען און עס וועט קיינעם גאָרניט פעהלען, לוקסוס וועט פאַרשוואונדען ווערען; דאָקטוירים וועלען קריגען געצאָהלט פון שטאַדט און אַדוואָקאַטען (לאָיערס) וועלען זיך מוזען נעהמען צו נוצליכע אַרבייט. אַמוניציע פאַבריקאַנטען וועלען פאַבריצירען אַגריקולטור מאַשינען, און יעדע באַלעבאָסטע וועט זיין באַשעפטיגט מיט איהר מיטאָג קאָכען, און פאַרגעסען די טיי און ברידזש פאַרטיס.

ער וואָלט נאָך לאַנג גערעדט, ווען ניט דער טומעל. אויסגעבלייכטע באַקען האָבען זיך גערויטעלט, אויסגעלאָשענע אויגען — אויפגעבליצט. דאַרע מאָזאָלאָוואַטע הענט האָבען הילכיג אַפּלאָדירט, בעת רייכע אָפּגעפּאַשעטע האָבען זיך געקאָכט:

— א משיח צום טיש! זאָלען זיך די שלעפּוירים מיט איהם פרעהען.

— אויך מיר א משיח; א שעהנע ישועה פאַר אונז...

— כדאי געווען ליקווידירען געשעפטען און קומען אהער.

— אידען וועלען עטוואס רעכטס שאַפען! געדאַרפט פריהער פאַר־שטעהן.

— וועה, וואָס פון אונז איז געוואָרען — האָט א רייכער באַלעבאָס א פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געפאַלען אין חלשות.

עס איז געוואָרען א טומעל: ווייבער חלש'ן, מאַנסבילען קאָכען זיך — מינטערט, ראַטעוועט, געוואַלד!

— וואַסער! וואַסער! — שריי איך מיט באַנומענע קולות — וואו נעמט מען וואַסער?

מיין ווייב שטעהט לעבען מיר, טרייסעלט מיר, די אויגען פול מיט טרערען:

— געוואוסט אַזוי וועט זיין. ניט איינגעצאָהלט אין צייט, איז מען געקומען און פאַרשלאָסען די וואַסער. ניטאָ אַפילו קיין גלאָז וואַסער אויס־צוקאָכען א לעפעל געקעכץ. וועה איז מיר. וואו נעמט מען וואַסער?

— —וואו נעמט מען וואַסער? — האָב איך איהר נאָכגעזאָגט, אָבער מיינענדיג גאָר אַנדערש. דער חלום איז נאָך געשטאַנען פאַר מיינע אויגען.

א פּנים אַז דער משיח חלום איז נאָך ווייט, זעהר ווייט פון פאַר־ווירקליכט ווערען.

פון מיין וואַסער־לאָזער און שפּייזלאָזער הויז זעה איך דאָס אַרויס.

(געווען געדרוקט אין „קענעדער אדלער„)

המושיעים והמושיחים.

(המושיעים: בר־כוכבא ודוד הראובני; די פאַלשע משיחים: שבתי צבי ופראַנק.)

די פאַלשע משיחים האָבען אָנגעהויבען צו ערשיינען צווישען דעם אידישען פאָלק פון סוף זמן החשמנאים, פון יענער צייט בעת עס האָט זיך געשטאַרקט די האַנט פון רוים אויף די אידען, וועלכע זיינען אריינגעפאַלען אין די שארפע נעגעל פון לייב... די אידישע מלוכה איז געווען אין אַ סכנה... דאַן האָבען די אידען געדאַרפט אַ גואל ומושיע אראָפּצואווארפען פון זיך דעם יאָך פון די רומאים. און דאַן האָבען זיך באַוויזען משיחי־השקר אזוי ווי אַמאָהל זיינען געווען נביאי השקר; יאָזעפוס פלאַוויוס דערצעהלט אונז נאָך פאַרן חורבן בית שני, האָבען זיך באַוויזען פילע משיחים וואָס זיי האָבען צו־געזאָגט העלפען די אידען, און די משיחים האָבען געשטערט די רוה פון שטאָדט אזוי ווי די קנאים והסיריקין (סיקארי). די פאַלשע משיחים האָבען פאַרנאַרט דאָס פאָלק, וועלכע זיינען געגאַנגען נאָך זיי. אין דער מדבר האָבען זיי באַ־וויזען וואונדער און צייכענס פון גאולה (מלחמות ס"ב פי"ג סי' ד', קדמוניות ס"כ פ"ח סי' ו'), און אין יאָהר 44 (למספר הנהוג) איז געווען אַ פאַלשער משיח מיטן נאָמען תודם (טודאס). ער האָט צונויפגעזאַמעלט דאָס פאָלק צום ירדן און געזאָגט, ער וועט שפּאַלטען דעם ים און וועט דורכגעהן די טרוקענעש, אָבער דער פקיד פון רוים קוספיוס פאדוס האָט געשיקט רייטער נאָך זיי און מען האָט פיל פון זיי אויסגע'הרג'עט און דעם קאָפּ פון תודוס'ן האָט מען אָפּ-געשניטען. (שם ס"כ פ"ה סי' א'.)

איין פאַלשער משיח פון מצרים האָט זיך באַוויזען לעבען הר הזיתים, לעבען ירושלים, וואו 30 טויזענט אידען זיינען צוגעשטאַנען צו איהם, און ער האָט זיי מבטיח געווען, אַז די מויערען פון ירושלים וועלען איינפאַלען. ירושלים וועט מען איינגעמען און מען וועט ירשנ'ען די רומאים, נאָר דער פאָרשטעהער פון רוים פליקס (55-60) איז אָנגעפאַלען אויף זיי און פילע האָט ער אויס-גע'הרג'עט און די איבעריגע זיינען אַנטלאָפען און אויך זייער משיח (קדמוניות שם, מלחמת ס"ב פי"ג סי' ה').

בר-כוכבא המושיע (רעטער).

זעכציג יאָהר נאָכן חרבן בית שני האָט ערשיינט בר כוכבא אַ גרויסע פערזענליכקייט נאָר ניט משיח בן דוד; וועגען בר כוכבא וועל איך זיך אָפּשטעלען און שרייבען באריכות. און איהם גוט צו פארשטעהן מוזען מיר זיך באקאָנען אין קורצען מיט יענער צייט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע אידען האָבען זיך דאַן געפונען: די רוימישע קיסרים, ווי גאַנץ רייט זיינען געוועזען בלוטדאַרשטיגע, אין זיי האָבען אַנגעווענדעט אַלע זייערע קרעפטען צו פאַר־שקלאַפען די איינגענומענע פעלקער פון זייער טעריטאָריע און אסימילירען זיי צווישען די רוימער. נאָר די אידען, אויף צו להכעים, זיינען פארבליבען אידען. די רוימער האָבען געקענט פארנעמען די אידישע פעלדער זייער האָב און גוטס, אָבער זייער הארץ האָבען זיי קיינמאָל נישט געקענט געווינען — האדריאַן, בעת ער איז געוואָרען קיסר פון רוים, האָט מורא געהאַט פאַרן אידישען אויפשטאַנד — אין דעם מאָמענט ווען אין גאַנצען מזרח זיינען געווען מהומות, האָט ער זיך אין אָנפאַנג ארויסגעוויזען דוקא פריידליך. אָבער אין אמת'ן האָט ער געהאַט אַנאַנדער כונה: ער האָט געטראַכט אַז די אידען וועלען ניט בלייבען ביי זייער גלויבען און מיט גוטען וועלען זיי זיך מיט דער צייט אסימילירען צווישען די רוימער. זיינע שלעכטע גדאַנקען האָבען זיך שפעטער ארויסגעוויזען. די מטבעות וואָס ער האָט שפעטער אויסגעגאָסען זאָגען עדות וועגען דעם: אויף איין זייט מטבע איז אויסגעקריצט האדריאַן און לעבען איהם קניט אַ פרוי — דער סימבאָל יהודה — און העלפט איהר אויפהויבען זיך. אויף דער צווייטער זיין מטבע — אויסגעקריצט האדריאַן און די פרוי זיינען מקריב אינאיינעם קרבנות צום רוימישען גאָט — אָבער פון אָנפאַנג זיין קעניגרייך האָט ער זיך גענויטיגט אין אידישע פריינדשאַפט און צוגעהערט זיך צום קול פון דעם אידישען פאָלק, אויסצובויען ירושלים און דעם בית־המקדש, און האָט אויך וואָרט געהאַלטען. דעם בארימטען איבערזעצער פון דער תורה אקולאַס, האָט ער געמאַכט פאַר אַן אויפזעהער איבער דער ארבייט אין דער הייליגער שטאָדט, און די צוויי ברידער יוליאַנוס און פאַפּוס, האָבען געארבייט מיט אַלע כחות, עס זאָלען ניט פעלען קיין מיטלען אויף די נייטיגע בנינים, וואָס האָבען באַדאַרפט ירושלים אומקערען איהר שעהנקייט, און גרויסקייט. נדבות האָבען זיך געשאָטען פון אַלע זייטען און די אידען האָבען געמוזט שטעלען אין אנטיאָכיען און עכו חלפנים, זיי זאָלען אויסבייטען די פארשידענע מטבעות וואָס פלעגען אַלע טאָג אָנקומען פון ווייטע און נאָהענטע ברידער. דאָס האָט אָבער פארדראָסען די אַנדערע הערשער. און נאָך מהר די שומרונים, און זיי האָבן גע'מסר'עט די אידען פאַר האדריאַנען אַז די אידען מיינען ניט גלאַט גאָט צו דינען אין אַ בית־המקדש,



שמעון בר כוכבא

המושיע (רעטער)

נאָר זיי ווילען טאַקע אַז די רוימער זאָלען איבער זיי קיין שליטה ניט האָבען. די מסירה איז האדריאַנען גוט אין קאָפּ אריינגעקראָכען. ער האָט אָבער מורא געהאַט משנה צו זיין, און דער קיסר האדריאן האָט אָנגעהויבען געהן צוריק, און אַ באַפעל אַרויסגעגעבען מען זאָל דעם בית-המקדש ניט צוריק שטעלען אויפ׳ן פריהערדיגען אָרט, און אַז אין ירושלים זאָלען גרעסטענטייל וואוינען געצענדינער.

דאָס אַלעס האָט געפירט דערצו וואָס אידען האָבען מורד געווען אין רוים. אָפּגענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען, האָט דאָס פאָלק ווידער אָנגעהויבען ווערען אומרוהיג. אַ גרויסע מאַסע באַוואָפענטע אידען האָבען זיך צונויפגעקליבען אין בית־רמון, און האָבען זיך גענומען גרייטען צו אַן אָנפאַל אויף די רוימער. דער אויפשטאַנד וואָלט זיך געווען גיך צופלאַקערט, ווען עס זאָל זיך ניט אריינמישען דער גרויסער תני רבי יהושע בן־חנניה, וועלכער איז נאָכן טויט פון רבי גמליאל דעם צווייטען, געווען דער נשיא פון סנהדרין. רבי יהושע פלעגט אָנווייזען אַז אויך ביי אַנדערע פעלקער געפינען זיך גוטע און אָרענטליכע מענשען. פון איהם איז געבליבען דאָס גלויבען אַז „חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא“. רבי יהושע האָט פאָראויסגעזעהן אַז דער אויפשטאַנד פון די אידען וועט זיך ענדיגען מיט אַ נייעם אומגליק, און ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען איינצושטילען דעם אויפשטאַנד, געהאַל־טען אַ פייערדיגע רעדע פון וועלכע עס איז באַוואוסט זיין משל: דער ליב, דער קעניג פון די חיות, האָט איינמאָל געגעסען זיין רויב און האָט זיך פלוצלונג גענומען װאָרגען מיט אַ ביין. האָט ער אָנגעהויבען רופען צו הילף, צוזאָגענדיג אַ גרויסע באַלוינונג יענעם, וואָס וועט איהם אַרויסציהען דעם ביין פון האַלז. איז געקומען צופליען אַ שטאָרך, וועלכער האָט אריינגערוקט זיין לאַנגען שנאָבעל דעם לייב אין מויל, און האָט אַרויסגענומען דעם ביין, דאַן האָט דער שטאָרך גענומען פאָדערען ביים לייב די צוגעזאָגטע באַלוינונג. נאָר דער לייב האָט מיט אַ געלעכטער געזאָגט: „געה דיר און זיי צופרידען וואָס דו האָסט אַרויסגענומען דיין קאָפּ גאַנץ פון מיין מויל. אַזוי איז מיט אונז — האָט רבי יהושע געענדיגט — מיר דאַרפען זיין צופרידען, וואָס אריינפאַלענדיג אין די הענט פון די רוימער, זיינען מיר ניט אינגאַנצען פאַרניכטעט געוואָרען דורך זיי. דאָס פאָלק האָט געפאָלגט און איז זיך צוגאַנגען אַהיים.

נאָך רבי יהושע׳ס טויט איז געוואָרען דער איינציגער פאָרשטעהער פון זיין פאָלק רבי עקיבא, וועלכער האָט געהאַלטען אַז די אידען מוזען זיך באַפרייען, און אַז דאָס וועט זיין אַ שטיקעל התחלה פון דער ישועה, און דעריבער האָט ער אויך בסתר אויפגעמונטערט דעם עולם און האָט זיך ניט געפוילט אַפילו צו פאָרען גאַנץ ווייט, צו די אידען פון קליין־אַזיע, און האָט אויך צוגערעדט זיי זאָלען באַטראַכטען די מרידה געגען רוים ווי אַן אָנהויב

פון דער באפרייאונג פונם גאנצען פאלק. דער הויפט פירער פון דער מרידה איז געווען א גרויסער גבור בר־כוכבא, וואס האט אין זיך געפילט גענוג כח צו נעהמען אויף זיך אזא שווערע ארבייט. ער האט אין זיך געהאט דעם מאטעריאל פון א העלד און א גואל, און האט גרויסע צרות אנגעטאן די רוימער. פון זיינע קינדערשע יאהרען ווייס מען כמעט גארניט, נאר דאס איז באקאנט אז ער האט געהייסען בר־כוזיבא, נאך דעם נעהמען פון דער שטאדט כזיב, וואו ער איז אויסגעוואקסען געווארען, און דעם צונאהמען „כוכבא" האט ער באקומען פון רבי עקיבא'ן, וואס האט איהם אנגענומען פאר'ן מלך המשיח און האט גערעכענט, אז אויף איהם ווייזט דער פסוק „דרך כוכב מיעקב" — עס איז אויפגעטראטען א שטערען פון יעקב. א הערשער פון ישראל. בן כוזיבה, און כוזיבה האט ער אויך געהייסען — דאס איז לשון כזב: „דער ליגנער", אזוי האבען איהם זיינע מתנגדים גערופען. ווארום פילע חכמים: אליעזר, חנניה, שמעון וכ' זיינען געווען אנטקעגען דעם מיינונג פון רבי עקיבא, און דער הויפט פון זיינע געגנער איז געווען רבי יוחנן בן תורתא. ער האט זיך געמיהט עפענען די אויגען רבי עקיבאן און באווייזען אז ער נארט זיך. ער האט געזאגט צו רבי עקיבאן: „עשבים יעלו לך בלחייך ומשיח עוד לא יבוא" (ירושלמי תענית פ"ה). — דאס הייסט: „גראז וועט גיכער אויסוואקסען אין דיינע באקען און משיח וועט ניט קומען". דערפאר האבען די חכמים, וואס זיינען געווען די מתנגדים פון דער באוועגונג א נאמען געגעבען בר־כוכבא'ן „בר־כוזיבה", אזוי ווי רבי דריקט זיך אויס: דרך כוכב מיעקב — אל תקרא כוכב אלא כוזב (איכה רבתי פ"ב). — עס האט ערשיינט א ליכטיגער שטערען פון יעקב — רוף ניט שטערען נאר ליגנער.

די גמרא דערצעהלט אונז אויך אין סנהדרין צ"ג עמוד ב' — בר כזיבא מלך תרתין שנין ופלגא אמר להו לרבנן אנא משיח אמרו ליה במשיח כתיב דמורח ודאין כיון דחזיוהו דלא מורח ודאין קטלוהו — (הגוים עין הרדבז רמב"ם הלכות מלכים, פרק אחד עשר הלכה ג') — בר־כוכבא האט געקעניגט צוויי מיט א האלב יאהר, זאגט ער צו די רבנן איך בין משיח! — זאגען זיי דו ביסט ניט משיח! ביי משיח'ן שטעהט אז ער וועט דורכן רוח פון מענשען דערפילען זיין זינד, וועלען מיר זעהן אויב דו קענסט דורכן רוח פון מענשען דערפילען זיין זינד. די חכמים האבען געזעהן אז ער קען ניט. און מיט דער צייט אין מלחמה האבען איהם דערהארגעט די גוים.

זעהען מיר פון דער גמרא ווי שארף זיי האבען דיסקוטירט מיט איהם, און ניט געגלויבט אין איהם. אבער ניט קוקענדיג וואס ער האט געהאט פילע מתנגדים, אבער רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים, און דאס גאנצע פאלק, האבען געקוקט אויף בר־כוכבא ווי אויף משיח'ן. פון אלע לענדער האבען זיך די אידען געצויגען צו זייער באפרייער, אפילו די שומרונים און אומצופרידנע געצענדינער האבען געהאלפען. בר־כוכבא האט אויסגעפרואווט זיינע איבער־

קיסר האַדריאַן

געגעבענע חילים דערמיט וואָס ער האָט געהייסן אָפּהאַקן אַ פינגער פון איין האַנט, מיט דער שווערד אין דער צווייטער האַנט. די חכמים האָבן פּראָטעסטירט און גע'טענה'ט אַז ער מאַכט אידן פאַר בעלי־מומים און געגעבן אַן עצה אַז יעדער איינער וואָס פאַרענדיג אויפן פערד, קען ער ניט אויסרייסן קיין צעדערבוים פון דעם לבנון, זאָל ניט קענען זיין אין זיין אַרמיי (ירושלמי, תענית).

בר־כוכבא האָט געהאַט מעהר ווי אַ האַלבן מיליאָן חיל, ער איז געווען ביי זיך אַזוי פעסט, אַז ער האָט זיך אַמאָל ערלויבט צו זאָגן: „אויב דו ווילסט אונז, רבונו של עולם, ניט העלפן, העלף זשע כאָטש ניט אונזערע שונאים, וועלען מיר שוין קענען אַליין אונזער לאַנד באַפרייען!" נאָך אַ גרויסער געגנער אַנטקעגען בר־כוכבא איז אַרויסגעטראָטן ר' אליעזר המודעי, אַן אַלטער הייליגער, קלוגער תנא. ער איז געווען פון כת של שלום. ר' אליעזרס שעהנע טאָכטער דינה — די אידישע געטין — אַזוי האָבן איהר די רומאים גערופען — איז געווען בר־כוכבא'ס כלה. אין קורצען וועלען מיר אַרומשרייבען וואָס איז פאָרגעקומען מיט דינהן אין יענער צייט. דינה'ס האַנט האָבען געבעטען די גרעסטע לייט פון יהודה נאָר, זי האָט אַלעמען ענטזאָגט. איין בר־כוכבא האָט געוואונען איהר האַרץ צוזאַמען מיט דעם האַרץ פון זיין פאָלק; ווארום בר־כוכבא איז געווען באַגאַבט פון גאָט מיט שעהנקייט, פאַרשטאַנד, מיט ריזיג גרויסע פעהיגקייטען. זיין חכמה און גבורה האָט האָט איבעראַשט יעדען. דאָ האָט זיך אַריינגעשטראָלט אַנטקעגען דער שיין פון דער זון, אַ שטן פון דער לבנה. פּייפּוס, אַ רייכער יובעל־הענדלער אין שומרון, —אַ רויטער, און אַ מיאוסע געשטאַלט, קרום אויף אַ פוס, און אויף איין אויג בלינד. ער איז געווען אַ ביטערער פוקס, אַ סאַמאַריטאַנער און אַ פאַרדאָרבענער מענש און האָט געוואָלט איבערקויפען דינה'ען מיט גאָלד, בריליאַנטען און פערל, נאָר אַ מיאוסן פסק האָט ער געכאַפּט פון איהר, איהרע ווערטער זיינען געווען: „אוועק דו חיה בזויה פון דעם הייליגען אָרט אוועק!"

פון דעמאָלט אָן, פאַר די אָפּגעשטויסענע ליבע האָט ער געוואָלט נעמען: פון איהר נקמה — וואָס דאָס איז זיין נחמה — פאַר זיין בזיון, סיי פון איהר סיי פון איהר פאָטער, חתן און כלל ישראל. פּייפּוס איז געוואָרען פון דעמאָלט אָן אַ שונא ישראל — אַ שפּיאָן ביי די רומאים. ער האָט געפלאָכטען קניפּלאָך ווי צו פאַרניכטען די בעסטע קינדער פון יהודה. מען האָט זיך געכאַפּט צו שפּעט וואָס פאַר אַ מיאוסער שפּין עס האָט געוועבט דעם נעץ. גלייך ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען די באַוועגונג פון מרידה ביי די אידען, האָט ער גלייך פאַר'מסר'ט די אידען פאַר רופוסן, דעם פּקיד פון די רומאים, אַז די אידען זיינען מורד אין רוים, און איהם אַן עצה געגעבען ער זאָל שיקען רופען ר' אליעזר'ן המודעי, וועלכען עס וועט געווים באַגלייטען דינה, זיין אויג פון זיין קאָפּ, און רופוס וועט די שעהנע דינה נעמען פאַר אַ משכב ביז וואַנען

איהר פאָטער וועט ניט שלום מאַכען מיט די מורדים. דערנאָך וועט קומען בר־כוכבא מאַנען זיין כלה, דאַן וועט מען איהם טויטען, און דאָס פאָלק וועט בלייבען כצאן בלא רועה — אזוי האָט רופוס געטאָן. בר־כוכבא איז געקומען מיט שטאָלץ און ער האָט געפאָדערט ביי רופוסן באפרייען זיין כלה, וועלכע רופוס האָט מיט געוואַלד געפאַנגען. רופוס האָט בר־כוכבאַ׳ן געהייסען שליסען אין שווערע קייטען. נאָר דער גבור האָט זיי צוריסען, אויך די שווערד פון סאָלדאַט צובראָכען. רופוס האָט באַפוילען אריינפירען בר־כוכבאַ׳ן אין אַן אַרענע פון ווילדע טירען און אריינלאָזען דעם אפריקאַנישען לייב. בר-כוכבא האָט אַ געשריי געטאָן: „שטעה!“ דער לייב האָט זיך איינגעבויגען אויף די קני. בר־כוכבא האָט איהם געגלעט ביים קאָפּ, ער כאַפּט זיך אַרויף אויף דעם לייב, רייטענדיג זעצט ער אוים דעם אייזערנעם טויער, וואָס אונטער די ראַזשע, און לויפט אַרויס. בר־כוכבא האָט דערנאָך אַרומגערינגעלט רופוסעס פעסטונג מיט אַ שרעקליכער מאַכט, און רופוס זאָגט דינה׳ן, אויב זי וויל ראַטעווען איהר לעבען זאָל זי בעטען איהר חתן — אין דער הויך פון פעסטונג — ער זאָל שליסען פרידען. דינה הויבט אויף די הענט צו גאָט און רעדט מיט פייער פון אויבען צום פאָלק, זי ערמוטיגט בר־כוכבאַ׳ן און כל ישראל, זיי זאָלען ניט קוקען אויף איהר באַפרייאונג, זי איז זיך מקריב פאַר דעם לאַנד און פאָלק, זיי זאָלען מלחמה האַלטען מיטן שונא אָהן מורא ופחד. זיי וועלען זיגען. איבער איהר טויטען קערפּער זאָלען זיי אַריינגעהן אין שטאָדט...

זי האָט זיך אַראָפּגעוואָרפען פון דער פעסטונג אויף דער ערד און ווערט געהרגעט. די אידען נעמען איין די פעסטונג און מאַכען אַ תל פון טורונוס רופוס מיט זיין חיל. פּייפּוס איז צופרידען מיט זיין נקמה פון דינה׳ן און די שלאַנג באַרואיגט זיך נאָכניט מיט דעם און טרייבט רכילות פאַר בר־כוכבאַ׳ן אויפן זקן אליעזר המודעי, אַז ער האָט בכיון געבראַכט דינה׳ן פאַר אַ משכון צו רופוסן, און בר-כוכבא גלויבט פּייפּוסן און טייט אומזיסט דעם אומשולדיגען זקן. בר־כוכבא צייגט זיך איבער ווער די „חיה־בזויה“ איז, נאָר דאַן ווען ער ווערט געוואָר, אַז פּייפּוס איז איבערגעגאַנגען צו די רוימער...

די ערשטע צייטען האָבען די אידען ווירקליך אָפּגעהאַלטען גלענצענדע נצחונות. דער רוימישער פּראָקוראַטאָר רופוס, און זיין קליינע חיל, וואָס איז געשטעלט געוואָרען צו באַוואַכען די שטעדט אין פּאַלעסטינע, האָבען ניט געקענט ביישטעהן קעגען די גרויסע אַרמיי פון די מורדים, וועלכע האָבען איינגענומען פופציג פעסטונגען און פיל שטעדט און דערפער.

איידער נאָך די נייעס פון דעם אויפשטאַנד איז אָנגעקומען צו האַדריאַנען זיינען שוין די רוימער אין יהודה געווען איבעראַל צושלאָגען. דאָס צווייטע חיל, וואָס דער קיסר האָט געשיקט רופוסן צו הילף, האָט געהאַט דעם זעלבען סוף. בר־כוכבא איז געוואָרען הערשער אין יהודה און האָט שוין

אפילו געהייסען גיסען מטבעות מיט זיין נאָמען. דער צענטער פון זיין אַרמיי איז געווען אין די בערגיגע פעסטונג ביתר (צווישען יפה און ירושלים). דער אימפּעראַטאָר האַדריאַנוס דערשרעקענדיג זיך שטאַרק פאַר די אידישע נצחונות, האָט גלייך אַוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל דעם גרעסטען רוימישען קריגספירער פון יענער צייט — יוליוס סעווערוס, מיט אַ גרויס חיל. דער קריגספירער האָט געזעהן אַז פירען אַן אָפענטליכען קאַמף איז אוממעגליך מיט די מורדים, וועלכע האָבען מלחמה געהאַלטען ווי די לייבען פאַר זייער פאָלק און לאַנד, האָט ער אָנגענומען גאָר אַנדערע מיטלען, אַ נאָנדער מלחמה סיסטעם: אָפּטרעטען און אָנפאַלען אויף באַזונדערע אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע ערטער און זיי צושלאָגען. ער האָט שטילערהייט צוגענומען ביי די אידען יעדע מעג־ליכקייט צו באַקומען לעבענסמיטעל (אַזאַ מלחמה סיסטעם זעהען מיר אין פילע וועלט-מלחמות, אויך בעת נאַפּאָליאָן איז געווען אין רוסלאַנד און איינ־גענומען די הויפּט־שטאָדט מאָסקווא, און אָט האָט מען שוין געמיינט אַז אַ סוף איז געקומען אויף רוסלאַנד איז דאַן די גרויסע פאָלקאָוואָדזשעס: באַרקלאַי־דע־טאָלי און קוטוזאָוו האָבען צושלאָגען נאַפּאָליאָנען נאָר מיטן מלחמה־סיסטעם: „אָפּטרעטען, אָנפאַלען אָן אַ זייט“ און אָפּשניידען די וועגען פון צו באַקומען לעבענס מיטלען). מיט אַזאַ סיסטעם האָט סעווערוס אָנגע-הויבען זיגען. ער האָט געבראַכט די מורדים דערצו, אַז זיי האָבען געמוזט אָפּטרעטען צו בתר, וואו בר־כוכבא און זיין חיל האָבען זיך באַפעסטיגט. אַ גאַנץ יאָהר האָבען די רוימער באַלאַגערט בתר. און אין דער צייט פון דיזער באַלאַגערונג האָבען זיך די אידען ענטוישט אין זייער בלומרשטען משיח — בר־כוכבא. ער איז ניט געווען גענוג פרום, און צייטענווייז פלעגט ער זיין צו גרויזאַם און זעלבסט־הערשעריש, ער האָט באַפוילען צו טויטען יעדען איינעם וואָס איז געווען פאַרדעכטיגט אין פריינדשאַפט צו די רוימער. איינמאָל האָט בר־כוכבא געטייט אַ געוויסען באַרימטען צדיק־תנא מיטן נאָמען ר' אליעזר פון מודעין — ער האָט איהם מיטן פוס אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ געטאָן אַז דער זקן איז געפאַלען טויט. דעם אַלטען געערטען זקן האָט מען פאַלש פאַר'מסר'ט פאַר בר־כוכבא. ר' אליעזר האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער באַלאַגערונג ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין פאַר דעם אידישען חיל; דאָס פאָלק וואָס האָט געגלויבט אין דעם כח פון זיינע תפלות האָט שטאַרק באַדויערט זיין טויט.

ענדליך האָבען זיך אויסגעלאָזט די כחות פון די באַלאַגערטע. די מרגלים פון בתר, צוויי שומרונים, האָבען אָנגעוויזען די רומאים אַלע פאַר־באָרגענע גענג אונטער דער ערד.

אין טאָל פון יזרעאל, אין דעם אָרט וואו עס געהען אַרויס צוויי טייכען, איז געווען אַ שרעקליכע מלחמה צווישען חיל בר־כוכבא און די רומאים. בלוט האָט זיך געגאָסען פיל, אַזוי ווי די גמרא זאָגט: „הדם היה שותף ויורד לשני

נחלים ושערו שני חלקים דם ואחד מים. הרגו בה שלשה ימים ושלשה לילות" (גיטין נ"ז, עין מהרש"א). — „די בלוט האָט גערונען אין די צוויי טייכען און מען האָט דאָס משער געווען צוויי חלקים בלוט און איין טייל וואַסער. דריי טעג און דריי נעכט האָט מען זיך געשלאָגען.

בר־כוכבא'ן האָט מען געפונען טויט אויפן שלאַכט־פעלד, און די רומאים האָבען געזאָגט אַז טאַקע נאָר איין גאָט האָט איהם געטייט, ווייל פאַר אַ מענשען איז שווער געווען איהם בייצוקומען. די הגדה דערציילט אַז מען האָט געפונען אַרומגעוויקעלט אַרום בר־כוכבאַס האַלדז אַ שלאַנג. דאָס מיינט מען, אַז דער כח פון די מוסרים — זייער גיפטיגע צונג — איז געווען שטאַרקער פון בר־כוכבאַס גבורה.

דאָס איז געווען דער טרויעריגער סוף פון לעצטען קאַמף פון אידישען פאָלק פאַר זיין פרייהייט.

יעצט מוז איך מאַכען אַ באַמערקונג וועגען בר־כוכבאַן. אמת, רבי עקיבא מיט זיינע תלמידים האָבען געהאַט אַ טעות, אַנאַרקענענדיג בר־כוכבאַן פאַר משיח'ן, ווארום ווען ער וואָלט זיין משיח באמת, וואָלט ער אויספירען זיין מיסיע און באַפרייען דאָס פאָלק אויף אייביג. ווען מיר דרינגען זיך אַריין טיפער אינם פעריאָד פון בר־כוכבאַן, לייענען מיר די שטעכווערטלעך פון די מתנגדים־תלמודיסטען וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען סאַרקאַסטיש אויפן נאָמען פון בר־כוכבאַן, למשל ווי רבי זאָגט: „אל תקרא כוכב אלא כוזב וכ'" — נאָר די פתגמים איז אַ געלעכטער פון טרערען. די הארץ פון אונזערע חכמים איז פאַרביטערט וואָס אידישע בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען טייכענווייז, און דער ציל איז ניט דערגרייכט געוואָרען. אמת ער איז ניט געווען משיח, אָבער דאָך „אַ מושיע", אַ גרויסער העלד און פאַטריאָט, ווי שמשון הגבור, וואָס טרעפט איין מאָל אין אַ תקופה. בר־כוכבא האָט זיך מוסר נפש געווען קעמפענדיג ביזן לעצטען טראָפען בלוט פאַר זיין לאַנד און פאָלק. און ווען ניט די „מרגלים": שומרונים און כותים און אויך דער פרוד לבבות און פרוד הדעות פון אונזערע חכמים — דאָס אַלעס וואָלט ניט שטעהן אין וועג, וואָלט בר־כוכבא געווים זיגען און בלייבען אַ מושיע, אָבער ניט קיין משיח, בר־כוכבא האָט געגאָסען זיין בלוט פאַר דער ערד פון זיין פאָלק נוקם זיין זיך אָן די רומאים, וועלכע האָבען געטראָטען מיט די פיס אַלעס, וואָס איז אונז טייער און הייליג. ער האָט מיט דער מלחמה אונטער־געצייכענט אַז אַ מלוכה צוזאָג איז ניט קיין שפיל און ער האָט דערוויזען אַז דער גייסט פון אידישען פאָלק איז שטאַרקער ווי אייזען, און מען קען איהם בשום אופן ניט בויגען צו קיין אַסימילאַציאָן. דער גייסט פון אידישען פאָלק איז ווי אַ סקאַלא אין מיטן ים וואָס קיינע כוואַליעס און שטורעמס קענען איהם ניט רירען פון אָרט.

אַזאַ גבור מיט אַזאַ שטאַרקען גייסט ווי בר־כוכבא וועט בלייבען אויף אייביג אין זכרון פון אידישען פאָלק.

משיחים כוזבים שונים.

מימי הגאונים און ווייטער, זיינען געווען פאַלשע משיחים: ישחק בן יעקב, עבדיה אבו־עיסי אַלאספהאני — ער איז געקומען מאספאהן פּרס. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון כליף עבד אל־מליך נ׳מארון (685-705). ישחק בן יעקב האָט אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון זיינע אָנהענגער און געפּאַלען אין דער מלחמה. און נאָך איהם זיין תלמיד יוגדאַן, מען האָט איהם גערעכענט פאַר משיח׳ן, עס איז אַריבער אלף (של״ה שנה פון מספר דניאל און יוגדאַן האָט זיך אָנגערופען אל־ראַעי הרועה צאן ישראל). און פון איהם האָט זיך געגרינדעט די כת יוגדאַנים.

אַ מאַן פון סוריא „שריגי״ אָדער „סיריני״ (סירינוס) און ער ווערט דערמאָנט אין תשובת הגאונים שערי צדק מיטן נאָמען „שריע״ און ער איז געווען אין דער צייט פון כליף עמר דעם צווייטען (717-720). דער כליף האָט אָנגעטאָן געבראַטענע צרות צו די אידען, ער האָט זיי געוואָלט נייטען אָנעמען דעם דת מחמד און די אידען האָבען אַרויסגעקוקט אויף אַ העלפער. סיריני איז געוואָרען זייער משיח און ער האָט גע׳עצה׳ט אַראָפּוואַרפען דעם על מלכות און אויך תורה שבעל־פה; ער האָט מבטל געווען תפילות, וואָס זיינען איינגעפירט צו זאָגען יום שני של גליות; מבטל געמאַכט אַ פּרויען כתובה, דיני טרפות, יין נסך און נאָך. מען האָט איהם געכאַפּט און געבראַכט פאַר׳ן כליף „יאַזיד״. האָט ער זיך פאַרענטפערט אַז ער האָט גאָרנישט געמיינט. ער האָט דאָס געשפּאַסט. דער כליף האָט איהם איבערגעגעבען צו די אידען וועלכע האָבען זיך ניט געלאָזען פאַרפירען פון איהם, און האָבען איהם ניט באַשטראָפט. און דערמיט האָט זיך אַלעס געענדיגט. פילע אידען וואָס האָבען געגלייבט אין איהם, האָבען אַרויסגעזעהן אַז ער האָט זיי פאַרפירט, האָבען זיי זיך אומגעקערט צו זייער פאָלק. זיי האָבען געבעטען די קהלות מען זאָל זיי ווייטער אַריינעמען אין כלל ישראל, נאָר די ראשי הקהלות האָבען ניט געוואוסט מיט זיי וואָס צו טאָן. און זיי האָבען אָנגעפרעגט צו מר רב נוטראַי — דער גאון ראש מתיבתא בפומפדיתא. ער האָט געענטפערט: „אַזעלכע מענשען איז בעסער מקרב צו זיין, איידער מרחק צו זיין, דערנאָך אַז זיי וועלען באַקומען מלקות פאַר אַ פאַרגעבונג פאַר זייער זינד, און וועלען טאָן תשובה, זיינען זיי די ריכטיגע אידען (שו״ת שערי צדק סי׳ ז׳). אָבער די וועלכע זיינען ווייט פאַרקראָכען „פרוצים בעריות״, זיינען זייערע קינדער ממזרים, איז אונמעגליך זיי אַריינצונעמען אין כלל ישראל, וואָרום זיי וועלען זיך צומישען מיט אידען, נעמען ווייבער און זייערע גויאישע טעכטער וועלען נעמען אידען וועט ווערען איבער זיי אַסימילירט דאָס אידישע פאָלק וכ׳. קענען מיר זיי אויף קיין פאַל ניט אָנעמען״ (שם).

אין דער צייט פון „נוסעי הצלב“, בעת דער אידישער הימעל האָט זיך באַדעקט מיט שווארצע וואָלקענס און דאָס אידישע שיפעלע האָט זיך געטראָגן אויפן ים-החיים פון קנאה, שנאה און האַס פון די שונאי-ישראל צו דעם אידישען פאָלק, דאָס פאָלק ישראל איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, איז דאָך במאה הי"א והי"ב האָבען זיך פאַרפירט פאַלשע משיחים איינער אין פראַנציע און געטייט געוואָרען דאָרט (1087), איינער אין קורדובא (1117) און איינער אין פאַס (1127). זיי ווערען דערמאָנט אין די בריעף תימן פון רמב"ם.

איינער פון די באַוואוסטע משיחים איז געווען דוד אלרואי (ע"ע). געבאָרען געוואָרען אין דער שטאָדט עמדיא בקורדיסתאן, אַרום 1160. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו אַלע אידען פון אסיא, אַז ער איז אַ ציר — שליח פון גאָט אַרויסצוציהען די אידען פון די קנעכטשאַפט פון די געוועלטיקע אויפצולעבען דאָס פאָלק און אומקערען זיי קיין ארץ ישראל, האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אונטער זיין פירונג פילע אידען פון מוציל און באַגדאַד מיט כלי־זין, און האָבען מלחמה געהאַלטען מיטן מושל הפרס. אָבער זיי זיינען דערהאַרגעט געוואָרען און אלראי איז אויך געטייטעד געוואָרען. נאָך די מענשען וואָס האָבען געגלויבט אין איהם, האָבען געזאָגט אַז ער איז צוריק לעבעדיג געוואָרען און ער איז געקומען פאַר'ן שאַך און געווען אַ „רואה ואינו נראה“ — ער האָט איהם געזעהן, אָבער דער שאַך האָט איהם ניט געזעהן. זיינע אבערגלויבער האָבען איהם גערופען „מנחם“ און האָבען געגרינדעט אַ כת פון „מנחמים“. די אידען אין באַגדאַד זיינען באַשטראָפט געוואָרען צו באַצאָהלען פיל געלט פאַר דער מרידה.

אין יאָהר 1502 איז דערשינען איינער פון דייטשלאַנד און זיין נאָמען איז ר' אשר לעמלין (ע"ע), וועלכער האָט געזאָגט אַז ער איז משיח הצדק און ער וועט אויסלייזען די אידען און ברענגען זיי אין ארץ ישראל. פילע האָבען איהם געגלויבט און צווישען זיי אויך דער רב ר' זעליג גאַנז. און ער האָט צושטויסען זיין אויוועז וואו ער פלעגט אַלע יאָהר באַקען מצות, ווארום ר' אשר לעמלין האָט איהם צוגעזאָגט אַז איבעראיאָהר וועט מען באַקען מצות אין ארץ ישראל. ר' אשר לעמלין איז פלוצלונג אָפּגעשטאָרבען. און פילע אַבערגלויבערס האָבען דערזעהן אַז וואָס ער האָט געזאָגט איז ניט מקוים געוואָרען, האָבען זיי זיך געשמאַדט.

דוד הראובני
המושיע (רעטער)

דוד הראובני — המושיע (רעטער)

דוד הראובני (בתור מושיע) איז געבאָרען געוואָרען אין 1490, און פאַר'סמ'ט געוואָרען אין דער שטאָדט לילירינא, שפּאַניע, נאָכן יאָהר 1535. נאָך זיינע רייד האָט ער געשטאַמט פון שבט ראובן, וואָס זיי געפינען זיך במדינת ערב. ער שרייבט אין זיין „ספר־הזכרונות" בזה הלשון: „איך בין דוד. דער זון פון קעניג שלמה זצ"ל, און מיין ברודער יוסף, איז עלטער פון מיר, און ער זיצט אויף זיין קעניגליכען טראָן אין מדבר־חבור (חבור — חאיבאר — כאיבאר, א לאַנד אין מיטעלסטען טייל פון אראַבישען האַלב־אינזעל. אין VII-XI יר"ה געווען דאָרט א מעכטיגע אומאָפּהענגיגע אידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געשטאַמט לויט א לעגענדע, פון די בני יונדב בן רכב. מחמדן איז אויסגעקומען צו פירען מיט איהר לאַנגע און בלוטיגע מלחמות). דוד הראובני איז געווען דער פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַט. ער האָט געוואָלט אויסנוצען די קנאה, שנאה צווישען פארשיידענע פעלקער פאַר דער אידישער דערלייזונג. ער האָט דאָס אידישע פאָלק געוואָלט דערלייזען מיט וואָפען. ער האָט געוואָלט באַוואָפענען דאָס אידישע פאָלק און ער האָט געהאַט קונציגע פּלענער, אַז די קריסטליכע פעלקער, די גרעסטע שונאים פון אידישען פאָלק זאָלען איהם העלפען אין דעם — זאָלען איהם העלפען מיט זייערע אַרמייען פּלאָטען און קאַנאָנען. ראובני האָט באַשלאָסען אויסצולייזען דאָס אידישע פאָלק אויפן זעלבען שטייגער ווי פירער און הערשער פון אַנדערע פעלקער האָבען געזוכט די נוצען פון זייערע פעלקער און לענדער. ער האָט משמעות, געהאַלטען פון דעם כלל אַז, „צווישען וועלף מוז מען אַליין זיין א וואָלף און מען מוז וואָיען ווי אַוואָלף. זיין ציעל און האָפנונג איז באַשטאַנען אויף דערויף, צונויפשטעלען א גרויסע אידישע אַרמיי, און מיט דער אַרמיי האָט ער געהאָפט צו קענען פאַריאָגען די קריסטען נאָכדעם ווי מען וועט פּטור ווערען פון דער מאַכמעדאַנישער הערשאַפט אין ארץ ישראל. עס איז אויך פאַראַן א סברה, אַז ראובנים פּלאַן איז געווען אַן אַנדערער: ער האָט בלויז געוואָלט די ערלויבניש צו זאַמלען א גרויסע אידישע אַרמיי און מיט איהר אַליין שפּעטער באַפרייען פּאַלעסטינע פון מאַכמאַדאַנישען יאָך און מיט איהר־אויך ניט דערלאָזען, אַז די קריסטען זאָלען זיך אַהין אריינכאַפּען.

און דער פּלאַן אַט זיך איהם שיר ניט איינגעגעבען.

דוד הראובני האָט געזאָגט אַז דער מלך און די יועצים האָבען איהם געשיקט צו די מלכים פון יוראָפּ, און דערהויפּט צום פּויפּסט, צו נעמען פון זיי געוועהר, כדי מלחמה צו האַלטען מיט די ישמעאלים, וועלכע דריקען די אידען און פאַרטרייבען זיי פון דער הייליגער לאַנד. דוד הראובנים קליינע וואוקס, זיין אויסגעמאַטערטקייט, זיין שוואַרץ פּנים, זיין שטענדיג פאַסטען,

זיין רעדען לשון־קודש און אראביש, זיין שטרענגער קוק, זיין פאדערען אז מען זאל איהם פארשטעהן אויפן וואונק און בלינד פאלגען, — דאס אלעס האט געמוזט פירען דערצו, אז מען זאל איהם וויינינגער קשיות פרעגען און מעהר פאר איהם דרך ארץ האבען.

אין חדש אב שנת רפ"ו (1525) איז אנגעקומען דוד הראובני קיין איטאליע, רייטענדיג אויף זיין ווייס פערד צום וואטיקאן, צו פאדערען אן אויסהערונג. קלימענטיוס דער זיבעטער, וואס איז געזעסען אויפן פויפסט־לאכען טראן פון 1523 ביז 1534, איז געווען איינער פון די בעסטע פויפסטען, וועלכע זיינען ווען עס איז געווען אין דער קאטוילישער קירך. ער האט געשטאמט פון דער משפחה מעדיטש, איז געווען זעהר א געלערענטער און א גוטער פון דער נאטור, ניט קיין קנאי, און האט ליב געהאט קונסט. ער איז געווען גוט צו אידען און געווען א שוץ באזונדערס פאר די מגורשים פון שפאניע און פארטוגאל. קלימענטיוס האט אויפגענומען דוד הראובני מיט גרויס כבוד. דוד הראובני האט צוקעשטעלט דעם פויפסט פיל רעקאמענ־דאציעס פון גרויסע לייט פון פארטוגאל, מיט וועלכע ער האט זיך באגעגענט אין וועג. דער פויפסט האט אוועקגעשיקט די בריעף קיין פארטוגאל און אז מען האט איהם פון דארט געענטפערט אז די חתימות זיינען אמת'ע, איז דוד הראובני ביים פויפסט געווארען נאך געהויכט און געשעצט. אין זיין ספר הזכרונות שרייבט ער אזוי:

— דער פויפסט האט אנגענומען מיינע רייד בסבר פנים יפות און האט געזאגט:

— פון גאט איז ארויס די זאך.

— איך האב געזאגט צו איהם: דער קעניג יוסף און זיינע זקנים האבען מיר באפוילען איך זאל רעדען צו דיר, דו זאלסט מאכען שלום צווישען דעם קיסר (דער דייטשער קיסר קארל דער פינפטער), און דעם פראנצויזישען קעניג (פראנסוא דעם ערשטען, דער דם־שונא פון קארל דעם פינפטען), על כל פנים, דען עס איז גוט פאר דיר און פאר זיי, אויב דו וועסט מאכען אט דעם שלום. און דו זאלסט פאר מיר שרייבען א כתב צו די צוויי מלכים הנ"ל, זיי זאלען אונז זיין צוהילף, און דענסטמאל וועלען מיר זיי זיין צוהילף. און זאלסט שרייבען פאר מיר אויך צום קעניג פעטרי גואן (זשואן דער דריטער קעניג פון פארטוגאל),

אויף זיינע רייד האט דער פויפסט געענטפערט:

— וועגען די צוויי מלכים, וואס דו האסט געזאגט, איך זאל מאכען שלום צווישען זיי, — קען איך דאס ניט טאן (שלום מאכען מיט קארל דעם פינפטען, האט געהייסען פארשקלאפען צו איהם איטאליע און די פויפסטלאכע נחלאות). נאר ווען דו וועסט דארפען הילף — וועט דער קעניג פון פארטוגאל דיר זיי געבען. איך וועל צו איהם שרייבען, און ער וועט אלץ טאן.

אויך איז זיין לאנד נעהענטער צו דיין לאנד, און דורכן ים הגדול זיינען זיי געוואוינט צו גיין אהין אלע יאהר מעהר ווי די צוויי מלכים וואס דו האסט אנגערופען.

דאס לאנד האט אנגעהויבען מיט איהם צו קלינגען. דער רושם אויף די אידען איז געווען א געוואלדיגער. זייער פאנטאזיע האט זיך צעפלאמט. אפילו די סקעפטיקער זיינען געצוואונגען געווען מודה צו זיין, אז עפעס אמת איז דא אין די רייד און אין די ספורים פון דעם דאזיגען וואונדערליכען מענשען. און די אידען פון רוים און פון אנדערע לענדער האבען איינגע־זעהן אין דודן דעם מענשען, וואס ראמט אפ א וועג פארן מלך המשיח.

אלץ האט ער פארטרויט זיין מעצענאט ר׳ דניאל פון פיזא.

די בארימטע דאנא בענווענידע אברבנאלה, די שנור פון דן יצחק אברבנאל, האט איהם צוגעשיקט פון נעאפאל א סך געלט און א טייערע זיידענע פאן, וואס אויף איהר זיינען געווען מיט גאלד אויסגעשטריקט די עשרת-הדברות. אויך האט זי אויסגעלייזט מעהר ווי טויזענט שבויים. זי האט ערשיינט פאר איהר פאלק ווי א ליכטיגער שטראל אין דער פינסטערער צייט. דוד הראובני האט צוגענומען געלט און מתנות, נאר פון אידען האט ער זיך געהאלטען פון דערוויי‌טענס, כדי עס זאל אויף איהם ניט פאלען קיין חשד. מאסען מענשען, אידען און קריסטען, האבען געגלויבט נאך מעהר אז ער איז א נביא, און אנדערע אפילו, אז ער איז א משיח. אבער ער האט געזאגט: „חס ושלום! איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון א נביא. איך בין אפשר נאך א גרעסערער זינדיגער איידער יעדערער פון אייך. איך האב אויסגעהארגעט פערציג מאן פון אונזערע שונאים, איך בין מעהר ניט ווי א קריגסמאן מיין גאנץ לעבען”.

ניט קוקענדיג וואס ער האט זיך געמאכט פאר אן ענו, איז ער אבער געווען באשאנקען מיט גרויסע כשרונות פון אריענטאציע און פון א געשיקטען דיפלאמאט, אז ער האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די שרי המלוכה און דער קעניג יאהאן האט זיך אויך פאראינטערעסירט און איהם געבעטען ער זאל קומען צו איהם. דוד הראובני איז אפגעווען אין איטאליע א יאהר מיט פיר חדשים, און איז אפגעפארען פון דארט אין פרילינג 1527. מיט גרויס פאראד האט איהם דער פויפסט ארויסבאגלייט פון רוים. ער האט זיך אויפגעזעצט מיט אלע זיינע דינער אויף א באזונדערער שיף, וואס דארויף איז געווען זיין פאן, און איז זיך צונויפגעקומען מיטן קיסר אין אלמיירין. ער האט ביי יאהאנען דעם 3-טען שטארק נושא חן געווען, און דער קיסר האט דוד הראובני אפגעגעבען פיעל כבוד. דער קעניג האט צוגעזאגט צו געבען דוד הראובני שיפען מיט פיר טויזענט פארשידענע כלי־זין מלחמה צו האלטען מיט די ישמעאלים. ווי עס ווייזט אויס, דעם כבוד וואס מען האט אנגעטאן דוד הראובני, איז באשטאנען דערויף וואס דער פויפסט מיט

יאָהאַנען האָבען גערעכענט אַז דורך איהם מיט דער הילף פון די אידען, וועלען זיי איינעמען פאַלעסטינע. די אידען פון פּאָרטוגאַל האָבען זיך געפרייט וואָס דוד הראובני איז געערט ווארום פריהער האָט שוין געוואָלט דער קיסר איינפירען אינקוויזיציאָן אין פּאָרטוגאַל. די מאַראַנען האָבען פאַרהייליגט דוד הראובנים נאָמען, מען איז איהם נאָכגעלאָפען אין די גאַסען, מען פלעגט קושען זיינע קליידער און מען האָט איהם גערעכענט, ווען ניט פאַר משיח'ן אליין, אָבער פאַר איינעם פון זיינע לייב־מענשען, וואָס איז געקומען מאַכען אַ וועג פאַרן בעל־הבית און באַלעבען די געפאַלענע געמיטער מיט אַ זיסער האָפנונג.

וואָס איז דאָס וואָרט מאַראַנען? און ווי אַזוי זיינען אידען געוואָרען מאַראַנען? אין העברעאיש רופען זיי זיך „אַנוסים" (געצוואונגענע). די שפּאַניער האָבען זיי גערופען מאַראַנען, ד. ה. פאַרשטויסענע. פאַר אונז אַנטפּלעקט זיך דאָס לעבען, ליידען און שטרעבען פון די מאַראַנען אין שפּאַניע. — זייער גאַנצע נשמה. דאָס זיינען געווען די שפּאַניער אידען, וועלכע האָבען אויסגעקויפט דעם טויט דורך שמאַד.

אָבער לפנים זיינען זיי געווען קריסטען. אין האַרצען זיינען זיי פאַרבליבען אידען. עס קלינגט אונז אין די אויערען זייער אומעטיקער האַרץ־רייסענדער ניגון פון „כל־נדרי", וועלכער די מאַראַנען האָבען פאַרפאַסט אין זייערע פאַרבאָרגענע היילען, לויבענדיג גאָט, אויסבאַהאַלטענדיג זיך פון דאָס גיפטיגע אויג פון אינקוויזיציאָן... און ווען מען פלעגט זיי כאַפּען, פלעגט מען זיי מיט דער תורה פאַרברענען לעבעדיגערהייט אין אויטאָ־דע־פע. פאַר די רדיפות האָבען זיך די שפּאַניער אידען זיך גוט איינגעלעבט, געבליט קערפּערליך און גייסטיג, צוליב זייער בילדונג און האַנדעלס־פעהיגקייטען האָבען די אידען פאַרנומען אַן אָנגעזעהנעם אָרט איןביידע קעניגרייכען פון שפּאַניען: קאַסטיליען און אַרגאַניען. די שפּאַנישע קעניגען האָבען געשעצט די מעלות פון די אידען און פלעגען די פעהיגסטע פון זיי אָפט רופען צו פאַרנעמען שטעלען אין דער רעגירונג. כמעט יעדער קעניג האָט געהאַט אין זיין הויף אַ אידישען שטייער־זאַמלער, פינאַנץ־מיניסטער, ראַטגעבער, הויף־דאָקטאָר אָדער אַ אידישען געלערנטען. פילע אידען האָבען געפירט גרויסע געשעפטען און דורך געלונגענע קניות פלעגען זיי שנעל רייך ווערען. זייער רייכטום איז געווען אָפען פאַר אַלעמען: די פאַרשטעהער אידען פון קעניגליכען הויף, אויך די גבירים, פלעגען אָנטאָן זייערע ווייבער און קינדער אין זייד און בריליאַנטען, און פלעגען אַרויספאָרען אין גרויסאַרטיגע עקיפּאַזשען, מיט אַזאַ לוקסוס פלעגען זיי אויפרייסען די אויגען ביי די קריסטען און אַרויסרופען קנאה, וועלכע פלעגען זאָגען: „אָט ווי די אידען ווערען רייך; באַלד וועלען זיי אַלע ווערען גראַנדען".

די אידען פיינט פלעגען זיך דערמיט באַנוצען צו פאַרגיפטען די מאַסען

געגען דעם גאַנצען אידישען פאָלק, ניט קוקענדיג דערויף וואָס די אידישע מאַסע האָט געפירט אַן ארבייטסזאַמען לעבען. אַ באַזונדערע שנאה צו די אידען האָבען געפירט דער העכערער אַדעל און די גייסטליכע, די שטאָלצע שפּאַנישע אַדעליים האָבען ניט געקענט פאַרטראַגען מענשען פון פרעמדען גלויבען און געבורט; און זיי פלעגען זיין אומצופרידען ווען אַזעלכע מענשען פלעגען דערגרייכען הויכע רעגירונגס שטעלען. און די גייסטליכע וועלכע זיינען געשטאַנען דאָס רוב פון די מאָנאַכען — דאָמינאַנער, האָבען געזעהן אין די דערהויבונג פון די אידען אַ דירעקטע באַליידיגונג געגען דער קירכע. און די גלחים אין די קירכען האָבען געפּרעדיגט אַנטקעגען די אידען און געשאַטען אויף זיי פעך און שוועבעל, כדי אויפצוהעצען די קריסטען צו אַן אָנפאַל אויף די אידען. דער פאַנאַטישער גלח פון סעווילא פערנאַנד, מאַרטין, איז געווען דער פאָרשטעהער פון די אָנהעצער. דער אויפגערייצטער המון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער פרידליכער אידישער באַפעלקערונג פון סעווילא און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם. נאָר דאָס מאָל האָבען זיך פאַר די אידען געשטעלט די שטאָדט-בעאַמטע. דער פּאָגראָם איז אָפּגע-שטעלט געוואָרען. און איינינגע פון די אָנהייבער זיינען באַשטראָפט געוואָרען אָבער ניט פערנאַנד מאַרטין. אונטער דער שוץ פון דער קירכע האָט ער ווייטער אָנגעפירט זיין פאַרברעכערישע אַגיטאַציע. דעם מאָל האָט זיך איהם איינגעגעבען: די קריסטען האָבען זיך געוואָרפען אויף דעם אידישען קווארטאַל האָבען איהם אונטערגעצונדען און זיך אַ נעם געטאָן צו הארגענען און רויבען די איינוואוינער. אַרום פיר טויזענט אידען זיינען געוואָרען געהאַרגעט אָדער אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט, און פאַרקויפט צו אַראַ-בער פאַר קנעכט, און די איבעריגע, כדי צו רעטען זיך פון טויט האָבען מסכים געווען זיך לאָזען שמד'ען. די בליענדע אַלטע קהלה איז חרוב געוואָרען. די געשיכטע אין סעווילא איז געווען אַ סיגנאַל צו באַפאַלען די אידען אין אַנדערע שטעדט. אַ סך זיינען אומגעקומען על קדוש השם. נאָר פילע האָבען אָנגענומען לפנים קריסטענטום כדי צו ראַטעווען זייער לעבען.

קענען איצט די לעזער פאַרשטעהן ווי די „מאַראַנען” האָבען זיך דערפרייט מיט דוד הראובני, וועלכער איז געווען אין קייזערליכען הויף גע-אַכטעט פון קיסר. זיי האָבען איהם אָנגענומען פאַר אַ מושיע און האָבען אָפען גערעדט אַז די גאולה איז שוין נאָהענט, אָבער מיט דעם האָבען זיי געגאָסען בוימעל אויפן פייער. אַז מען איז אין שפּאַניען געוואָר געוואָרען וואָס עס טוט זיך אין פּאָרטוגאַל, און פון דערוויטנס האָט מען נאָך מער מגזם געווען טויזענט מאָהל אַזוי פיל, איז דאָרט געוואָרען אַ גרויסער רעש. פאַר זייער ניט פּאָרזיכטיגקייט און אָפענער פרייד, האָט מען אין קורדובה פאַרברענט ניינציג מאַראַנען, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך ערלויבט צו האָפען אין אַזאַ צייט. פילע פון די מאַראַנען האָבען זיך מיט מסירות-נפש אַוועקגעלאָזט קיין פּאָרטוגאַל. כאָטש דוד הראובני האָט געשוויגען און האָט

ניט געֶרעדט קיין וואָרט. זיין שווייגען איז ביי די אומגליקליכע געווען מעהר ווי גערעדט. און וואָס קעלטער ער איז געווען געגען די מאַראַנען, האָט זיך זייער היץ פאַרגרעסערט, און מען האָט פאַרשטאַנען אַז ער איז אַ חכם, און פאַרשטעהט זיין זאַך זעהר גוט.

די משיחישע באַוועגונג איז אַלץ מעהר געוואַקסען און האָט באַלד אַרויסגערוקט פון די רייען פון די אויפגערודערטע מאַראַנען אַ טיף־באַגייס־טערטען 22־יאָהריגען יונגלינג, וואָס אין איהם האָט זיך פאַראייניגט דער נביאישער ברען פון אַ מיסטיקער מיט שטרעבונגען פון אַ נאַציאָנאַלען קעמפער — דאגו פירעס. געבאָרען אין אַ מאַראַנישער פאַמיליע אַן ערך אין יאָהר הרס"א (1501). אַ זעלטען שעהנער און פעהיגער, גוט דערצויגען און העכסט געבילדעט, איז ער געוואָרען סעקרעטאַר אין העכסטען געריכט אין פּאָרטוגאַל, אויך פערזענליכער סעקרעטאַר פון דער קעניגין, און איז געוואָרען אַ ליבלינג אין קעניגליכען הויף. פריי געהיים האָט זיך דאגו פירעס זיך באַקאַנט מיט דער ביבליש־תּלמודישער און בכלל אידישער ליטעראַטור און מיט קבלה. אַ טיף פאַרבענקטע עקזאַלטירטע נשמה, האָט ער זיך אונטער דוד הראובנים השפעה מגייר געווען, אונטערען נאָמען שלמה מולכו. זיך אַליין בעצם ידו מל געווען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ טומעל אין קעניגליכען הויף און אַ שטורעם פון צאָרען אין די אינקוויזיטאָרישע רייען. דוד הראובני האָט דערהערט די געשיכטע פון זיין איבערגעהן אין אידענטום, איז ער דערציטערט געוואָרען. ניט קוקענדיג וואָס ער איז חשוב ביים קיסר, אָבער דאָך קען ער מיט אַלע מאַראַנען באַצאָהלען מיטן לעבען דערפאַר. דוד הראובני האָט דעם יונגען קראַנקען אַן עצה געגעבען אוועקפאָרען קיין טערקיי. דיעגאָ פירעס האָט איהם געפאָלגט, ווארום ער האָט געטראַכט אַז דער גאַנצער תּכלית פון דוד הראובנים נסיעה איז נאָר צוליב דעם, מען זאָל מכין זיין די אידען צו דער גאולה, האָט ער זיך אַרויסגעגעבען פאַר זיין שליח און האָט אַלעם דערצעהלט: דעם כבוד וואָס פויפסט קלעמענט און קעניג יאָהאַן גיבען אָפּ דוד הראובני. ביי קיינעם איז דאַן קיין ספק ניט געווען אַז די גוטע צייט איז שוין ניט ווייט. אין סאַלאָניקי האָבען די מקובלים, די געטרייע תּלמידים פון ר' יוסף טאַיטצאַק, אויפגעכאַפּט שלמה מולכו ווי אַן אבן טוב, און האָבען אויף זיינע חלומות געבויט אַ גאַנצען בנין. אַ שטאַרקען רעש האָט שלמה מולכו געמאַכט אין אַדריאַנאָפּאָל. מען האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען וואָס פון אַ געבאָרענעם קריסט זאָל אַרויס אַזאַ גרויסער למדן. שלמה האָט מיט דער צייט ערוואָרבען פיל תּלמידים, צווישען זיי איז געווען ר' יוסף קאַרו, וואָס איז קליינערהייט אוועק פון שפּאַניען, געלערענט קבלה ביי מולכו. און צוגלייך מיטן רבין האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט חלומות און חשבונות וועגען משיח'ן. מולכו האָט נביאות געזאָגט אַז באַשטימט אין 1540, דאָס יאָהר, וועלען די אידען דאַרפען אויפגעריכט ווערען.

מיט אמאל האט זיך די רעדעל אויף צוריק א דריי געגעבען און די חשיבות פון דוד הראובני זיינען געווארען קלענער ביים קיסר. ווארום איהם איז ניט געפעלען געווען וואס די מאראנען האבען איהם אפגעגעבען כבוד ווי דעם מלך. צווייטענס האט דעם קעניג שטארק פארדראסען וואס זיין ליבלינג דיעגא פירעס האט זיך מגייר געווען. די אידישע שונאים, און אויך דער צורר היהודים דאן מיגועל דא-סילווא, האבען איבערגעצייגט דעם קעניג אז דוד הראובני איז נאר געקומען מגייר צו זיין אלע מאראנען און אויפ־צוהויבען זיי צו א באוואפענטען אויפשטאנד קעגען פארטוגאל און שפאניען. דאן האט דער קעניג געזאגט צו דוד הראובני: „איך פריי מיך מיט דיר, וואס דו ביסט געקומען מיר צו הילף, אבער דו וועסט חרוב מאכען מיין מלוכה, דען אלע קריסטען זאגען וועגען דיר, אז דו האסט פארוואנדעלט פיל מאראנען צוריק אין אידען, און ווער עס קומט צו דיר אין הויז — מאנסבילען, ווייבער און קליינע קינדער, — אלע קושען דיר די הענט. און ווען דו זיצסט ביים טיש, שטעהען אלע קינדער פון די מאראנען און בוקען זיך פאר דיר. טו מיר אט דעם חסד, לאז ניט קיין שום מענשען קושען דיינע הענט.“

אין א צווייטער אודיענץ האט דער קיסר געזאגט צו דוד הראיבני בזה הלשון: „ווי איז דאס געשען, דען איך האב געהערט אז דו האסט דורכגעפירט א ברית מילה איבער מיין סעקרעטאר“.

דוד הראובני האט געזאגט אז ער ווייסט ניט פון וואס צו זאגען: „איך בין געקומען צו דיר, זאגט דוד הראובני, פון מזרח קיין מערב און מיין טיר איז אפען פאר אלע מענשען, קריסטען און אנוסים און איך וויים ניט, ווער עס זיינען די קריסטען און ווער די אנוסים, און איך קען אנדערש ניט... און דו הערסט זיך צו צו די רייד פון די מוסרים, וואס דערצעהלען דיר פאלשע זאכען און דו גלויבסט זיי“!

איין פאקט האט צוגעגאסען בוימעל אין פייער פון דער דאזיגע העצע. א גרופע שפאנישע מאראנען זיינען אנטלאפען פון אינקוויזיציאנעלען קאזעמאט אין באדאכאץ, פונקט אין דעם מאמענט, ווען זייערע שופטים האבען זיך געגרייט אויפצובערענגען זיי אויפן פייער פון אויטא־דא־פע, און זיינען אנטרונען געווארען אין דער פארטוגעזישער גרענעץ־שטאדט קאמפא־מאיאר, און האבען זיך דארטען באזעצט. א טייל פון זיי האבען ארגאניזירט א באוואפענטע מחנה מאראנען, זיינען צוריק אריבער די שפאנישע גרענעץ, זיינען געקומען אין דער שטאדט באדאכאץ, אריינגעריסען זיך אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע, וואו עס זיינען נאך געווען פארשפארט זייערע ווייבער און טעכטער, האבען מיט זייער איבערפאל גמאכט אויפציטערען די איינוואוינער פון שטאדט, ארויסגענומען זייערע טייערע נפשות, וואס האבען געהאלטען ביים פארברענט ווערען, זיי מיטגענומען מיט זיך און אנטרונען געווארען קיין פארטוגאל.

דער גרויס־אינקוויזיטאָר סעלאַיאַ פון דער מערב־שפּאַנישער שטאָדט באַדאַכאָז, האָט געשריבען אַ בריעף צו זשואַן דעם דריטען, דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל, וועגען דוד הראובני, אַז ער האָט אויפגעהויבען די מאַראַנען פון דער פּאָרטוגאַלישער שטאָדט קאַמפּאַ־מיאָר צו אַ באַוואָפענטען אָנפאַל אויף באַדאַכאָז.

מעהר האָט מען ניט געדאַרפט: דוד הראובני האָט געקראָגען אַ באַפעל אַז ער זאָל פאַרלאָזען דאָס לאַנד ניט שפּעטער ווי אין 2 מאָנאַטען. דוד הראובני האָט פאַרלאָזען דאָס לאַנד אין 4 מאָנאַטען אַרום. אויפן וועג האָט דוד הראובני באַקומען די לעצטע בריעף פון קיסר אין וועלכע ער שרייבט בזה הלשון:

„איך האָב דיר געגעבען רשות צו פאַרבלייבען דאָ אין לאַנד 2 חדשים, און דו האָסט פאַרבראַכט דאָ פיר חדשים, און געזעסען ביסטו אַזוי לאַנג, בכדי צו פאַרוואַנדלען די מאַראַנען צוריק אין אידען. אַלע וואָך קומען אָן צו מיר בריעף פון די ריכטער פון טאַוולאַ, און אַלע מעשים דיינע מיט די מאַראַנען ווייס איך גוט, דען איך האָב געזעהן דאָ, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר אין די אויגען, היינט וויפיל טוסטו שוין הינטער מיין רוקען? נאָר איך האָב ניט געוואָלט דיר טאָן קיין שלעכטס, דען דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביסט געקומען נאָר פונוועגען דיין ליבשאַפט צו מיר און צוליב מיין נוצען. און מחמת דעם האָב איך ניט צוגעהערט צו קיין שום מענשען, וואָס האָט גערעדט בייז כנגד דיר, און איך זאָג דיר: געה בשלום, קער זיך אין דיין לאַנד צוריק, און תיכף ווי עס וועט אָנקומען צו דיר מיין כתב, זאָלסטו געהן בשלום און ניט פאַרהאַלטען זיך.“

אין פּאָרטוגאַל האָט דוד הראובני פאַרבראַכט אַ יאָהר צייט. שפּעטער איז ער געווען אין אַוויניאָן, דערנאָך אין רוים מיט עטליכע יאָהר שפּעטער טרעפען מיר איהם צוזאַמען מיט שלמה מולכו'ן אין ווענעציאַ, וואו ער האָט געוואָלט באַאיינפלוסען די דאָרטיגע רעפּובליק, צו שליסען אַ בונד מיט דער אידישער מלוכה. דוד הראובני צוזאַמען מיט שלמה מולכו זיינען אַוועק קיין רעגענסבורג צום דייטשען אימפּעראַטאָר, קאַרל דעם פינפטען. זיי האָבען דערצעהלט דעם קעניג וואָס זיי האָבען בדעה צו טאָן — צו רופען די אידען אויף אַ מלחמה מיט טערקיי, אָפּצונעמען ארץ ישראל. אַנדערע זאָגען זיי האָבען געוואָלט איבעררעדען דעם קעניג ער זאָל אָנעמען דעם אידישען גלויבען.

דער סוף פון דיזע פאַרהאַנדלונגען איז געווען אַ העכסט טרויעריגער. דער קעניג, קאַרל דער פינפטער, האָט געהייסען אַרעסטירען ביידע וואַנדערער און האָט זיי אַוועקגעפירט מיט זיך קיין איטאַליען. דער אינקוויזיציאָנס־געריכט האָט שלמה מולכו פאַרמשפּט צום טויט, און דוד הראובני — צו די אימהדיגסטע ענוים אין די אינקוויזיציאָנעלע קאַזעמאַטען. שלמה מולכו איז פאַרברענט געוואָרען על קדוש השם אין מאַנטאַ אין יאָהר 1532. דוד הראובני האָט מען פאַרסמ'ט אין ספרד אין צעלע, נאָכן יאָהר 1535.

יעצט מוז איך מאכען א באמערקונג וועגען דוד הראובני. וואס האט דוד הראובני געוואלט מיט זיין קומען אין פארטוגאל וואס פאר א ישועה וואלט ער געבראכט צום כלל ישראל? ווארום האט זיך איהם ניט איינגעגעבען זיין מיסיע?

דוד הראובני האט געוואלט הילף פון קיסר אז ער זאל איהם מיט־העלפען אפנעמען ארץ ישראל פון די ישמעאלים. דער קיסר האט איהם פארשפראכען און צוגעזאגט צו געבען אכט שיפען און אויך פיל געווער. און ווען דער קעניג, דורך דער השפעה פון די אנטיסעמיטען, וואלט ניט חרטה געהאט, וואלט די מלחמה צווישען פארטוגאל און טערקיי געבראכט א ישועה צום כלל ישראל, ווארום מיט זיין צונויפשטעלען א גרויסע אידישע ארמיי, וואלט ער פאריאגט אלע שונאי ישראל, און ארץ ישראל וואלט בלייבען פאר אונז אידען. די פאנטאזיע און דער ברען פון די מאראנען האבען אויך צושטערט די גאנצע ארבייט פון דוד הראובני.

דוד הראובני האט זיך ניט געהאלטען פאר א משיח, ער האט אליין געזאגט: „ער איז זינדיגער מעהר ווי יעדער איינער". נאר ער איז געווען א גרויסער פאטריאט, און א אידאליסט און ער האט זיך מקריב געווען פאר'ן כלל ישראל, מיט איין ווארט: ער איז געווען א „מושיע". — כל זמן דוד הראובני איז געווען אין פארטוגאל האט דער קעניג יאהאן ניט געהאט קיין שום מוט צו גרינדען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל. און אויך שלמה מולכום ווירקונג איז געווען אזוי גרויס, אז דער קארדינאל לארענצא פוטי, און דער פויפסט, זיינען געווען באגייסטערט פון שלמה מולכו'ן, און זיינען געווען אונטער זיין איינפלוס און האבען ניט געגעבען קיין ערלויבעניש צו גרינדען אין פארטוגאל די אינקוויזיציאן.

דוד הראובני האט גאר וואס ווינציג הנאה געהאט פון זיין לעבען. פארבראכט זיין גאנץ לעבען אין תענותים וסגופים און געקאנטשעט זיין לעבען אין אימהדיגסטע ענוים. מיט זיין קומען צום פויפסט און קיסר, האט ער דערמיט מקדש השם געווען. אויפגעהויבען דעם אידישען פרעסטיזש. די צרות פון די מאראנען האבען געבלוטיגט זיין הארץ, וואס קרענקט פאר יענעמס וועהטאגען און פיין. אזוי ווי מיר זעהן ארויס פון זיין בריעף פון „ספר הזכרונות":

„עס איז געקומען צו מיר א מאראן, וואס האט גערעדט אראביש. ער איז געווען געקומען פון די שיפען פון דעם קעניג, וואס פלעגט איהם שיקען איין מאהל אין צוויי יאהר אין לאנד פון די שווארצע. און יענער מאראן האט מיר דערצעהלט, ווי ער איז געגאנגען הינטער די אינזלען פונ'ם ים אין איין ארט א האלבען טאג, און דער טאג אין יענעם ארט איז איין שעה. און ער איז דארטען געשטאנען פיל מאל, און דארטען איז פאראן א גרויסער בארג

און פייער ברענט אין יענעם בארג טאָג און נאכט. און פון גאַנצען בארג שטייגט אויף פייער און רויך צום הימעל. און אויף יענעם אינזעל, ניט ווייט פון יענעם בארג האָט דער אַלטער קעניג פון פּאָרטוגאַל פארשיקט די קליינע קינדער פון די אַנוסים — מאראנען, און האָט זיי דאָרטען איבער-געלאָזען ביז צום היינטיגען טאָג, און זיי געפינען זיך נאָהענט פון א משפחה אויף די אינזלען פון ים. וואָס עסען מענשענפלייש". און דער מאראן הנ"ל איז געווען א חכם אין אסטראלאגיע. באספקלריה מאירה כאפּט ער ארום די ביטערע לאַגע פון די מאראנען, זיינע ברידער, זיין ליבשאפט צו זיין פאָלק ישראל איז אָהן א ברעג. מיט איין וואָרט: אזא „מושיע" מיט אזא שטארקען גייסט ווי דוד הראובני, וועט בלייבען אין זכרון פון אידישען פאָלק אויף אייביג.

שבתי צבי

משיח־השקר

שבתי צבי, דער פאַלשער משיח.

שבתי צבי, דער פאַלשער משיח, האָט פאַרדרייט אַ קאָפּ די גאַנצע וועלט מעהר ווי אַלע משיחי־השקר. ער איז געבאָרען געוואָרען אין דער טערקישער שטאָדט סמירנאַ, אום תשעה באב פון יאָהר 1626, און איז געשטאָרבען אין דולציגנאָ אַ פאַרוואָרפען שטעדטעל אין אַלבאַניען אין יאָהר 1676 איינזאַם און פון אַלעמען פאַרוואָרפען. זיין פאָטער האָט געהייסען מרדכי צבי, פריהער איז ער געווען אַ אייער־הענדלער און דערנאָך האָט זיך זיין מעמד פאַרבעסערט, וואָרום אין יענער צייט איז אויסגעבראָכען געוואָרען אַ מלחמה צווישען דער ווענעציאַנער רעפּובליק און טערקיי, און מרדכי צבי איז דעמאָלט אויך געוואָרען אַן אַגענט פון אַן ענגלישער פירמע און האָט נאָכדעם פאַר זיך אַליין געמאַכט גוטע געשעפטען. אָבער ער האָט געגלויבט, אַז דאָס האָט איהם געהאָלפען רייך צו ווערען אין זכות פון דער פרומקייט און הייליגקייט פון זיין זוהן; און דער פאָטער האָט שבתין דערפאַר פאַרהייליגט. דער פאָטער מרדכי צבי האָט מחנך געווען זיין שבתין אין נאַציאָנאַלען גייסט, געגעבען אין חדר און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז דאָס קינד האָט גוטע פעהיגקייטען. בעת שבתי צבי איז אַלט געווען 6 יאָהר האָט ער געלערענט אין בית המדרש פון ר' יצחק דאַלבאַד און געלערענט דאָרט: מקרא, משנה ותלמוד; צו 15 יאָהר האָט ער שוין ניט באַדאַרפט קיין לעהרער און געלערענט קבלה און פון 18 יאָהר האָט ער שוין געלערענט מיט אַנדערע, און אַרויסגעגעבען תלמידים חשובים; איהם האָט געצויגען צו „נסתר“, צו חסידות, צו „זהר“ צו דעם „עילת על כל העילות וסיבת כל הסיבות“ — פאַר שבתי צבי איז געווען דער „ספר הזהר“ אַזוי ווי אַ מעין הנובע פון וועלכען ער האָט געשעפּט חכמה און געשטילט זיין דורשט. שבתי צבי איז געווען באַגאַבט מיט שיינקייט: אַ שלאַנקע פיגור, מיט שוואַרצע באָרד און פאות, מיט ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, מיט אַ טרויריגער טונקעלער גלאַט הויטיגער שיינקייט. מיט זיין הדרת פנים, זיסע שטימע, כח הדבור פלעגט ער באַצויבערען מענשען. ער פלעגט זינגען אָפט שפּאַנישע לידער מיט זיין זיס רירענדיגע קול, אויך שירים פון קבלה וואָס ער פלעגט אַליין פאַרפאַסען און צופאַסען טרויעריגע נגונים, וואָס האָבען געבענקט מיט מיסטישע ליידענשאַפט. איינמאָהל האָט ער דערהערט אין שלאָף אַ ליד „מעליסעלדא“ נאָך עטליכע מאָהל, ביז וואַנען די ליד האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון (ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געליטען פון „האַלוציגאַציעס“, וואָרום פון זיין פּאַרטיפקייט אין זיין מיסיע פלעגט זיך איהם אָפּדוכטען אַז ער הערט קולות אין וואַלד און לידער אין נאַכט) ער פלעגט זינגען:

די טאָכטער פונ'ם מלך
לייכט און וואַסער פריילאַך
מעליסעלדא.

פון איהר באד געהט זי אַרויס,
ריין און שניי־וויים זעהט זי אויס
מעליסעלדא.

בלויז די ליפּען איהרע קרעל,
און די פינגער־שפּיצען העל,
מעליסעלדא.

אינ'ם שטאָלץ פון איהר ערד
שיינט איהר פּנים ווי אַ שווערד
מעליסעלדא.

אויפגעהויבען זיך אויפן באַרג,
אַראָפּגעלאָזט זיך אין טאָלען
האָב איך די שעהנע מעליסעלדאַן
די בת מלכה דערזעהן.

די ליד האָט צוויי מיינונגען: אונטערן נאָמען „מעליסעלדא" — דעם קעניגס טאָכטער — האָט ער געמיינט די „כנסת ישראל" וואָס וועט אין גיכען אָפּוואַשען די גאַנצע אומריינקייט מיט וועלכער מ'האָט זי פאַראומרייניגט און דאָס גאַנצע בלוט, מיט וועלכען מ'האָט זי באַפלעקט אין פינסטערען גלות. „אויפגעהויבען זיך אויפן באַרג" — דאָס איז דאָס אידיש פאָלק אַרויפגע-גאַנגען אויף די שטאַפּלען פון זיין גדולה... דער צווייטער מיינונג איז אין דער ליד צו פרויענשאַפט וואָס ער האָט אָפּגעשטויסען, איז צוריקגעקומען אין ליבשאַפטליכע טענער.

אין איינעם פון די בתי־מדרשים אין סמירנא (קליין אַזיע) פלעגען אין יענער צייט זיך צונויפזאַמלען אַזאַ קרייזעל פון יונגע מיסטיקער. אין דער שפּיץ פון דאָזיגען קרייז איז געשטאַנען דער צוואַנציג יאָריגער שבתי צבי. ער מיט זיינע אָנהענגער פלעגען זיך דערווייטערען פון עולם הזה, געפאַסט תענותים אין זומער און ווינטער, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט פלעגט זיך שבתי טובלן אין ים. פלעגט תפלה טאָן ביים קוואַל און פלעגט זיך אויסשטרע־קען ביינאַכט איבער די קברים פון די צדיקים אין אַ שטילער גסיסה פון בקשה. זיין שעהנע פרוי האָט ער גע'גט און דאָס זעלבע איז געווען מיט דער צווייטער

פרוי, כדי ער זאָל זיך קענען איבערגעבען אינגאַנצען צו קבלה. זיינע צוויי חברים און פריינט משה פינהיירא און שמואל פוריא האָבען איהם פשוט פאַרגעטערט, מ״ט זיי פלעגט ער פיהרען וכוחים איבער מיסטישע פראַגען און צוזאַמען מיט זיי גען אין בית־המדרש אריין צום אַלטען מקובל ר׳ אליעזר, כדי צו הערען זיינע דערקלעהרונגען און תשובות אויף די אַלע פראַגען וואָס האָבען זיי אינטערעסירט.

זיין פאָטער האָט איהם דערציילט אַז ענגלישע סוחרים זאָגען אַז מען ערוואַרטעט דאָרטען אין גיכען משיחן, דאָס אַלעס איז איהם אין קאָפּ אַריין... און אַריינטראַכטענדיג זיך טיף אין קבלה האָט ער אויסגעפונען, אַז די אויסלעזונג וועט קומען אין גיכען, אַזוי ווי אין זהר ווערט געזאָגט: דבאלף שתיתאי לזמן ארבע מאות ותמניא שנין יהיו קימין כל דיירי עפרין בקיומהון, והיינו דכתיב בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחזתו.

אין דעם זעקסטען טויזענד, אין יאָהר פיער הונדערט און אַכט וועלען אויפשטעהן אַלע די וואָס רוהען אין דער ערד און דאָס מיינט מען מיט דעם פסוק אין דעם דאָזיגען (הזא׳ת — באַטרעפט פינף טויזענד פיער הונדערט און אכט) יאָהר פון יובל, וועט זיך יעדער איינער אַוועק קערען צו זיין ירושה.

אַריינטראַכטענדיג זיך אין זיין לעבען האָט ער אויסגעפונען, אַז ער איז אחד בדרא צו זיין משיח, וואָרום גאָט האָט איהם געצייכענט מיט אַ סימן וואָס זיין גוף האָט אַרויסגעגעבען פון זיך אַן אַנגענעמען ריח (אין אמת׳ן אָבער האָט שבתי צבי געמאַכט אַ גרויסען טעות. דער סימן וואָס אַ גוף פון אַ מענשען גיט אַרויס פון זיך אַן אַנגענעמען ריח טרעפט דאָס אָפטמאָל ביי די קינדער, וואָס זייער מוטער עסט אתרוגים געפרעגעלטע, גוטע פרוכטען. שבתי׳ס מוטער האָט בודאי גענעסען אתרוגים בעת זי איז געווען מעוברת. אַזוי ווי די גמרא זאָגט אונז: „דאכלה אתרוגא הוו לה בני ריחני״ — פרק חמישי ס״א ע״א כתובות. „אַז זי עסט אתרוגים האָט זי קינדער וואָס זייער גוף גיט אַרויס אַ ריח נעים״.)

אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבען פאַרנומען שבת׳ן און איהם ניט געלאָזט רוהען סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט. איהם פלעגט זיך דוכטען אַז דער שטורעם אין וואַלד און די כוואַליעס פון ים רוישען און שרייען:

— משיח!... משיח!... משיח!...

איינמאָהל האָט שבתי צבי אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין בית המדרש, אַנגעטאָן אין אַ טלית מיט פאַרגלאָצטע אויגען צום הימעל איז ער מתפלל פאַר׳ן אָפענעם ארון-קודש מיט גרויס געוויין, שלאָגט זיך מלקות, פאַלט מיט׳ן פנים צו דער ערד, פייניגט זיך ביז וואַנען ער פאַלט כמעט אין חלשות. קומט צו זיך און רעדט אויס דעם שם המפורש.

די ארייננעקומענע אידען אין דער פריה האבען דאס אלעס געזעהן און געהערט; זיינען זיי פארציטערט געווארען. רבי אליעזר האט געשריען אז שבתי צבי, דער חוצפה'דיקער נאר, זאל שוין אראפ פון היילינען ארט, ער זאל געהן רייסען קריעה, ער האט מחלל געווען דעם ארון און די היילינע תורה...

שבתי צבי האט געענטפערט אז דאס איז א געטליכער סוד, וואס ער אליין ווייסט.

זיינע צוויי איבערגעגעבענע חברים מיט ברענענדיגע פנים'ער פון צארן און התלהבות האבען געשריען, אז שבתי צבי איז דער אמת'ער משיח... דער סוף איז געווען אז די רבנים האבען שבתי צבי'ן מחרים געווען.

די וועלט זאגט א ווערטעל, אז א נביא צו זיין איז שווער צו ווערען אין דער אייגענער היים. שבתי צבי האט געמוזט פארלאזען סמירנא און איז אוועק געפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל. מיט איהם זיינען מיטגעפאהרען זיינע תלמידים און גוטע פריינד. צווישען וועלכע עס האט געשפילט ניט קיין קליינע ראלע ר' משה פינהיירא, א איד א עושר, און שוין אן עלטערער מענש. ער איז געווען א גרויסער מקובל און געגלויבט אז שבתי צבי איז משיח. קוקענדיג אויף איהם זיינען פילע צוגעשטאנען צו שבתי צבי; אין קאנסטאנ־טינאפאל איז די אידישע קהלה געווען א גרויסע, נאר א צונויפגעלאפענע. אידען, לומדים זיינען דארטען ניט געווען, נאר פיל מקובלים. שבתי צבי האט זעהר פארזיכטיג אנגעהויבען צו טאן: ראשית האט ער אפגעזוכט אברהם יכיני וועלכער איז געווען אן ארימער דרשן אבער א כיטרער פוקס, ער האט פאר־שטאנען אז זייענדיג ביי שבתי צבי א גבאי וועט ער אפלעקען א פעטען ביינ־דעל, האט ער אומעטום דערציילט די גדולות פון שבתי צבי און גע'דרש'ענט לפני קהל ועדה, אז שבתי צבי איז משיח. אזוי ווי ער האט גוט געוואוסט אז דער המון־עם האט ליב א מופת אנדערש וועט ער זיך ניט לאזען מעלקען... האט אברהם יכיני אויסגעטראכט א גרויסען ליגען, אז ער האט פלוצלינג גע־פונען אין א פארבארגענעם הייל אן אלטע מגילה, וואס איז כלומרשט אנגע־שריבען געווארען צוריק מיט הונדערט יאהר און דארט איז געשטאנען א נביאות אז אין יאהר 1626 וועט אין סמירנא ביי ר' מרדכי צבי געבארען ווערען א זוהן שבתי צבי און ער וועט באפרייען די אידען גאר אהן א מלחמה, ווייל ער איז דער אמת'ער מלך המשיח. אזא ליגען מיט א ווארצייכען האט גוט פארדרייט די קעפ פון אלעמען. און מען האט אנגעהויבען רעדען פון דער גאולה. שבתי צבי האט מורא געהאט פאר די מלוכה, מען זאל איהם ניט האלטען פאר א מורד במלכות, האט ער זיך אריבערגעפעקעלט קיין סאלאניקי, וואו עס איז געווען דער רעכטער צענטער פון מקובלים. דארטען האט שבתי צבי פאנאדערגענומען די הענט און אנגעהויבען דרשנ'ען אין די שוהלען און ציהען צו זיך א פולע נאכפאלגער. ער האט געהאט חסידים אין די שוהלען און אויך ווייבער און מיידלאך, זיי זיינען געזעסען ביי זיינע פיס און איהם פאר־געטערט, אבער שבת'ים בליקען זיינען געווען געוועגדעט צום הימעל.

ער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַרבעטען אויף זיין חתונה... משה פּיערא האָט פייערליך אַרויסגענומען אַ תורה אין אַ מענטעלע פון פּורפּור און גאָלד און באַהאַנגען מיט גאָלדענע קייטען און גלעקלאַך וואָס האָבען זיך געקלונגען און צוגעטראַגען אונטער דער חופּה און שבתי צבי אָנטוענדיג אַ גאָלדען רינגעל אויף אַ זילבערנעם יד פון דער ספרי תורה האָט פייערליך געזאָגט: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל". ער האָט געזאָגט דעם גרויסען עולם: „מזל טוב" ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט דער תורה. די פּאָעטישע מקובלים האָבען פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען די באַהעפטונג פון דער תורה, די בת שמים מיט משיח'ן דעם בן־שמים, וועלכער האָט זיך קיינמאָהל ניט געטאָרט באַהעפטען מיט קיין שטערבליכען מענשען. עס איז געוואָרען אַ טומעל... פילע האָבען פּראָטעסטירט... די שמחה איז צושטערט געוואָרען און די רבנים האָבען איהם אַריינגעלייגט אין חרם.

שבתי צבי האָט זיך אַרומגעדרייט ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגען קיין קאַאירא, וואו עס האָט געוואוינט אַ באַריהמטער מקובל רפאל יוסף חלבי, אַ גרויסער עשיר, וואָס האָט געדינט ביי דעם קרוין און איז געווען באַוואוסט מיט'ן טיטול שרף באשי. רפאל יוסף חלבי איז געווען אַ מענש מיט אַ טייע־רע נשמה, אַ גרויסער מכניס אורח און אַ ירא שמים. אויפן לייב פלעגט ער טראָגען אַ גראָב העמד כדי ער זאָל ליידען יסורים און ניט הנאה האָבען פון עולם הזה, אזוי ווי די קבלה האָט איהם געלערענט. זיין לייב־מענש איז גע־ווען ר' שמואל וויטאל, אַ זוהן פון ר' חיים וויטאל, און ער האָט חלבן געפירט בדרך התורה והיראה. שבתי צבי האָט נושא חן געווען ביי חלב'ן און ער האָט געוואוסט אַז מען רעכענט שבתי'ן פאַר משיח'ן, האָט ער איהם אָפּגעשאָטען מיט גאָלד. אַוועקגעשיקט קיין ירושלים, ווייל דאָס יאָהר 1666 וואָס אַלע מקובלים האָבען עס אָנגענומען פאַר'ן יאָהר פון דער גאולא. עס איז שוין געווען נאָהענט. שבתי צבי איז אָנגעקומען אין ירושלים, דאַמאָלסט זיינען אין ירושלים געווען מקובלים מעהר ווי לומדים. שבתי צבי איז גע-גאַנגען על קברי אבות, געשריען און געוויינט. דערנאָך געזונגען שפּאַנישע ליבעס־לידער, און די פרומע האָבען געדרונגען אַז דאָס באַזינגט ער די שכינה. שבתי צבי האָט צוגעזעהן די אָרימקייט פון די ירושלים'ער אידען, זייער קריי־טישע לאַגע אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען. מען פלעגט אָפט פאָדערען פון די ירושלים'ער אידען גרויסע נתינות פון דער אידישער קהלה, און ווען עס איז ניט געווען פון וואַנען צו נעהמען פלעגט מען די שעהנסטע בעלי־בתים אַריינזעצען אין תפיסה ביז וואַנען זייערע ברידער פון אַרומיגע שטעדט פלעגען רחמנות האָבען און זיי אויסקויפען.

אַזאַ מעשה האָט פּאַסירט אין ירושלים בעת שבתי צבי איז געווען דאָרטען. די אידען האָבען איהם געבעטען ער זאָל פאָהרען בעטען יוסף חלבי, ער זאָל זעהן מיט געלט אויסצולייזען די בעלי בתים. שבתי צבי איז

געפּאָהרען און חלבי האָט איהם מיט כבוד געגעבען די סומע געלט. פון דאַ־מאָלסט אָן איז ער געוואָרען מעהר באַליבט ביי די ירושלים'ער און אָנגעהויבען צו שפּילען די ראָלע פון אַ משיח און ניט אומזיסט האָבען די ליצני הדור געזאָגט דעם גלייכוואָרטעל: „הלך שליח ושב משיח“.

עס איז אַוועק שבתי צבי דער שליח, און געקומען אַ משיח.

אָט פון דאַמאָלסט אָן האָט מען אָנגעהויבען שלאָגען אַ טרעוואָגע אין אַלע גלאָקען און די שבתי צבי'ניקעס האָבען מאָביליזירט אַלע זייערע כחות, גרייטענדיג זיך, ווי צו אַ גענעראַל שלאַכט... ער האָט פּלוצלינג באַקומען פון גאַנץ ווייט אַ „עוזר־כנגדו“. אַ פרוי וואָס האָט איהם געהאָלפען אויסצופּיה־רען זיין פּלאַן און האָט אין זיין הצלחה געהאַט דעם גרעסטען חלק. זי איז געווען פון פּוילען. כמעלניצקי האָט אין פּוילען אויסגעשאָכטען פיעל אידען און פון איין פאַמיליע איז געבליבען איין שעהנע מיידעלע, אַ זעקס יאָהריגע. די קריסטען האָבען אויף איהר רחמנות געהאַט און אריינגענומען אין מאָנאַס־טיר. די מיידעלע איז אויסגעוואַקסען אַ גרויסע שענהייט און אָפּגעווען אין מאָנאַסטיר צעהן יאָהר. איהר האָט געצויגען צו די אידען. איינמאָהל האָט מען איהר געפונען אויפ'ן בית־עולם אין איין העמד. זי האָט דערציילט אַ ליגען אַז איהר פּאָטער האָט איהר שלאָפעדיגערהייד אריבערגעטראָגען אויפ'ן בית־עולם און געמאַכט איהר וואונדען אויפ'ן לייב. זי האָט געוויזען צייכענס פון נעגעל אויף איהר לייב. זי האָט צוגעגעבען אַז זי וועט זיין משיח'ס כלה.

מען האָט זי אַוועקגעפירט קיין אַמסטערדאַם וואו עס האָט זיך אָפּ־געזוכט איהרער אַ ברודער. דאָרט איז זי צוריק געוואָרען אַ אידיש קינד און האָט אָנגענומען דעם נאָמען שרה. אָבער די שרה איז געווען ווייט פון אַ צנועה. זי האָט געפיהרט אַן אויסגעלאַסענעם לעבען און גע'טענהט אַז איהר פירונג וועט איהר ניט קאַליע מאַכען דעם שידוך. וואָרום זי וועט זיין משיח'ס כלה. זי איז געפאָרען זוכען משיח'ן צו אַמסטערדאַם און קיין ליוואָרנע. מען האָט דערציילט פון דער געשיכטע שבתי צבי. די זאַך איז איהם גוט אין קאָפּ אריין. ער האָט פאַרשטאַנען אַז סיי ווי סיי קען איהם אַזאַ מעשה נוצען צום געשעפט און ער האָט געשיקט נאָך איהר. אין דעם טאָג פאַר איהר קומען איז ער געווען פאַרטראַכט, געדאַנקען ווי צוואַרצע וואָלקענס האָבען געטריבען איינער דעם צווייטען. ער האָט זיך געפייניגט פון אומעט און מרה שחורה, אַ יאוש האָט איהם אַרומגעכאַפּט, ער האָט געטראַכט וועגען אַ מופת, געוואָלט הערען אבות־קול און גלויבען אַז ער איז משיח... גלויבען אין זיין כח און אין דעם זעלבען טאָג איז אַ מופת טאַקע געקומען אין געשטאַלט פון אַ רייצענדע שענהייט, וואָס האָט איהם באַצויבערט, פאַר'כשפט פון ערשטען בליק און פאַרטריבען די שוואַרצע וואָלקענס.

שבתי צבי האָט געזעהן אַז שרה איז אַ סחורה מיט אַ גלאַנץ, אַז זי

וועט קענען פארדרייען מענשען די קעפּ מעהר פון איהם. ער האָט איהר געפרעגט פון וואנען זי איז. זי האָט געענטפערט: —„פון בית עלמינס... פון קברים... פון שרפות... פון בלוט..."

—„משיח"! — „מעליסעלדא"! — האָבען זיי אויסגעשריען אין איין קול. דער סוף איז געווען, ער האָט געהייראַט מיט איהר.

די לעזער וועלען זיך געוויס וואונדערען וואָס פון אָנפאַנג האָט ער געָגט זיינע צוויי שעהנע פרויען און אין סאלאניקי האָט ער חתונה געהאַט מיט דער תורה, און יעצט חתונה געהאַט ווי אַ געמיינער בשר ודם מיט אַ שעהנער מיידעל און נאָך דערצו אַן אויסגעלאַסענע. פון דערפון זעהן מיר ארויס זיין שוואַכקייט און אויסגעלאַסענקייט וואָס ער האָט ניט געקענט ביי־שטעהן דעם נסיון און זיך איבערגעגעבען צו אַן אויסגעלאַסענער פרוי, און צווייטענס, האָט ער איהר גערארפט האָבען צו דערגרייכען דורך איהר זיין ציעל און בלייבען משיח. איבער דעם האָט איהם גאָר ניט געאַרט איהר שלעכטע רעפּוטאַציע וואָס זי האָט געהאַט אפילו אין קאַאירא. וואו מען האָט גערארפט האָט ער פארגלעט, זאָגענדיג ער טוט נאָך דעם נביא הושע. די חופה איז געווען ביי ר' רפאל יוסף חלבי אין הויז, וועלכער האָט געהאַלטען פאר'ן גרעסטען גליק וואָס גאָט האָט איהם מזכה געווען מיט דער מצוה צו זיין ביי אַזאַ שמחה. ר' רפאל יוסף חלבי האָט געעפענט די קאַסע פאר שבתי צבי, ווארום ער האָט געגלויבט אַז אין 1666 וועט זיך אָנהויבען די גאולה. און ער האָט געגאַרט אַז שבתי צבי זאָל אויספירען די הייליגע שליחות. מיט צוויי טייערע אוצרות האָט זיך שבתי צבי געלאָזען אין וועג אריין: מיט חלבי'ס רייכקייט און מיט שרה'ס שיינקייט — דאָס זיינען געווען צוויי אוצרות אויף וועלכע מען האָט זיך געקענט אָנשפּארען. עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ דריטער אוצר, דאָס איז געווען נתן בנימין הלוי, ער איז געווען אַן אָרעמער בחור. זיין פאָטער איז געווען אַן ארץ ישראל משלח. נתן האָט זיך פאר־קויפט פאר געלט פאר אַ גביר'ס אַ טאָכטער, מיט אַ בלינדע אויג, ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט. נתן האָט געזוכט צו די געלט אויך כבוד. ער האָט זיך באַקאַנט מיט שבת צבי, וועלכער האָט איהם באַגייסטערט, אויך געלעזען פאר איהם די מגילה פון אברהם יכני און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען דער טרייער דינער פון שבת'ן. נתן העזתי האָט געזאָגט אַז אין איהם איז אריין די נשמה פון אליהו הנביא, ער איז ארומגעפאָרען איבער דער גרויסער וועלט פון שטאָדט צו שטאָדט דארשענדיג אַז שבתי צבי איז דער מלך המשיח. ער האָט אויך פאַנאַדערגעשיקט בריעף אומעטום, אַז משיח איז שוין דאָ, און גיך וועט דער סולטאַן אַליין אָפּטרעטען איהם די מלוכה און אָפּגעבען די אידען זייער הייליג לאַנד. ער האָט מיט זיין ענערגיע געשאַפען טויזענטער נאָכפאָלגער וואָס האָבען געגלויבט אין שבת'ן. און ביז שבתי צבי איז געקומען קיין ארץ ישראל איז שוין געווען אַ רעש, אַז משיח פאַרט... שבתי צבי איז

אָנגעקומען קיין ירושלים ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט געפונען פילע נאָכפאָלגער, האָט ער געמוזט פאַרלאָזען ירושלים, ווארום פילע לומדים און קלאָרע קעפּ, מיט די רבנים בראש, האָבען איהם געלאָזט וויסען אז ער זאָל דאָ אין ירושלים ניט פּראָווען קיין פוילע שטיק, דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר שווינדלער. שבתי צבי האָט פאַרשטאַנען אז קיין עקשנות וועט ניט העלפען איז ער אָפּגעפאָרען קיין סמירנא.

זיינע ברידער זיינען געווען רייך. זיי האָבען גערונגען מענשען, וועלכע זיינען אַרומגעפאָרען און דערציילט נסים ונפלאות פון משיח'ן. שבתי צבי האָט אַרויסגעשיקט 2 משלחים קיין סמירנא: שבתי רפאל, וועלכער האָט געוואוסט אז דאָ איז אַ נאַרעריי, נאָר ער האָט געוואָלט רייך ווערען, און דער צווייטער איז געווען מתתיהו בלאָך, אַ מקובל פון דייטשלאַנד, וואָס איז געווען דער ריכטיגער מאמין אין שבתין.

שבתי צבי איז אָנגעקומען קיין סמירנא מיט זיין שרייבער און בעל־סוד שמואל פּרימא, וואָס איז געווען אַ בריה צו פאַרבלענדען דעם פּראָסטען עולם די אויגען, אויפצואווייזען אַז שבתי צבי איז משיח. אין סמירנא איז ניט געווען קיין איינציגער איד, וואָס זאָל ניט גלויבען אַז די צייט פון גאולה איז טאַקע נאָהענט, פונדעסטוועגען האָט שבתי צבי אָנגעזאָגט אַז מען זאָל ניט מאַכען קיין רעש, אַז מען זאָל רואיג וואַרטען ביז דער אייבערשטער וועט איהם מגלה זיין אַז ער מעג שוין עפּעס אָנהויבען טאָן. דערמיט האָט ער נאָר מעהר אונטערגעהיצט דאָס פאָלק. ער האָט אין יאָהר 1665, אום ראש השנה, ביי די תקיעות געלאָזט אויסרופען אַז ער איז משיח. מען האָט געטאַנצט פון פרייד, בעלי־בתים האָבען אוועקגעוואָרפען די געשעפטען און מכין געווען זיך צו דער גאולה. אויף שבתין האָט מען געקוקט ווי אויף אַ מלך. זיי פלעגען זיך בוקען פאַר איהם, ער איז אַרומגעגאַנגען מיט זיינע נאָכפאָלגער אין די גאַסען און האָט געזונגען: „ימין ה' רוממה, ימין ד' עושה חיל", אַלע פלעגען זיך אָפּשטעלען מיט יראה און פחד! מיט סמירנאַס בעאַמטע האָט מען אָפּגעמאַכט פאַר אַ סך געלט זיי זאָלען זיך ניט וויסענדיג מאַכען. אין סמירנא זיינען 2 מענשען אַרויסגעטראַטען אַנטקעגען שבתי צבי, דאָס זיינען געווען דער אַלטער רב ר' אהרן דע־לאַפּפּא, האָט געוואָלט שבתי צבי מחרים זיין, און אויך הג' ר' חיים פּניא. זיי האָבען ביידע געכאַפּט אַ פּסק. דעם רב האָט מען אָפּגעזאָגט פון רבנות, ער האָט געמוזט פאַרלאָזען סמירנא און אויף דעם גבירס הויז איז מען אָנגעפאַלען און ער האָט אָנגעהויבען שרייען, אַז ער האָט חרטה, ער וועט מעהר ניט רעדען. האָט מען איהם אָפּגע־לאָזען. וואָס ווייטער און ווייטער איז שבתי צבי געוואָרען אַלץ מעהר תקיף. אַמאָל האָט ער אַזאַ געטאָן: די גאולה האָט אַ שטאַרקען עכוב דערפון וואָס עס פעלט נאָך די צאָהל פון די נפשות, וועלכע דאַרפען אויסגעלייזט ווערען און האָט געגעבען אַן עצה מען זאָל גיכער חתונה מאַכען די קינדער, כדי עס

זאָל אונטערוואַקסען אַ נייער דור. האָט מען אויסגעפילט זיין פאַרלאַנג און אין סמירנא האָט מען חתונה געמאַכט מעהר פון זיבען הונדערט קינדער ביז צוועלף יאהר. משיח'ס נאָמען שבתי צבי האָט ווי אַן עכאָ אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. די אידען פון קליין אַזיען האָבען געטאַנצט פון פרייד; אַפילו ברוך שפּינאַזא, דער אידישער גרויסער פילאָזאָף, האָט אויך געגלויבט אַז שבתי צבי וועט ברענגען אַ ישועה אויף די אידען. דער ענגלישער און האָלענדישער קאָנסול, האָבען דערפון געמעלדעט קיין אייראָפּע, אין אַלע גרעסטע האַנדעלס-שטעדט האָט מען געהערט וועגען משיח פון סמירנא. עס האָבען זיך געפונען מענשען וואָס זיי האָבען זייערע קעפּ ניט פאַרלאָרען ווי יעקב שפּרוטש פון האַמבורג, וואָס האָט געשריען געוואַלד אויף דעם שווינדעל. ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט בריעף צו אַלע אידישע קהלות פון אייראָפּע, אַזיען און אַפריקע, מען זאָל זיך ניט לאָזען אָראָפּפירען פון וועג. קיינער האָט איהם ניט געוואָלט הערען. די קליגסטע געלערנטע מענשען זיינען אַריינגעפאַלען אין שבתי צבי'ס נעץ. אַזוי האָט ער מיט זיין גאַנצע באַנדע אַלעמען פאַרדרייט די קעפּ.[1] באַזונדערס האָט זיך געטאָן אין האַמבורג און אין אַמסטערדאַם, מען האָט געטראַכט ווי זיך מכין צו זיין צו דער גאולה. אַ טייל האָבען געמאַכט אַלע טאָג פורים; אַ טייל האָבען געפאַסט, מען האָט קיין הענט ניט געהאַט אַרויסצוגעבען אַזוי פיל באַזונדערע סדורים מיט שבתי צבי'ס בילד. דעם פאָלק'ס פאַנטאַזיע האָט זיך צופלאַקערט. פילע אידען האָבען געמאַכט אַן עק פון זייערע עסקים און עס איז געבליבען אַרויסצופאָרען קיין ארץ ישראל. נאָך מעהר ווי אומטום האָט געדוישט אין האַמבורג. דאָרט האָבען אידען אַריבערגעטראָגען פון די שונאים גענוג צרות, דערפאַר האָבען זיי זיך געפרייט פון אָרעם און רייך. און די שולען זיינען געוועזען געפּאַקט מיט מענשען און מען האָט געטאַנצט מיט ספרי תורות אין די הענט; צווישען זיי זיינען געוועזען דער רייכער עמנואל טעקסיירא און דער אַלטער בענדיטא דאַקאשטראָ, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געוועזען לייב-דאָקטאָר ביי דער קעניגין כריסטיאַנע.

[1] גרויס און הייליג איז די גאולה געוועזען ביי אַלע אידען און אַ פּייער האָט אונטערגעצונדען יעדער אידישער האַרץ. שמואל פּרימאָ, וואָס איז געוועזען אַ מקובל, איז ניט געוועזען צופרידען פון שלחן ערוך און געפּויעלט ביי שבתי'ן ניט הייסען מעהר פאַסטען אום עשרה בטבת, און האָט אין שבתי צבי'ס נאָמען פאַנאַנדערגעשיקט בריעף בזה הלשון: „גאָטס בכור און בן-יחיד, שבתי צבי, דער משיח פונם פאָלק ישראל, ווינשט אַלע אידישע קינדער שלום! אַזוי ווי איהר האָט געהאַט די זכיה צו דערלעבען דעם גרויסען טאָג, ווען דאָס וואָרט פון גאָט דורך זיינע הייליגע נביאים, איז מקוים געוואָרען, דאַרפט איהר אָוועקוואַרפען אייער קלאָגען און טרויערען, און תענתים מוזען ווערען ימים טובים, פריידט אייך מיט געזאַנג און טאַנצט אין דעם אייגענעם טאָג,

וואָס איהר פלעגט פאַסטען און וויינען, זאָלט איהר פאַרברענגען מיט שמחה, ווייל איך בין געקומען". מיט דעם באַפעל האָט ער זיך פיל קאַליע געמאַכט, ווארום די פרומע, אויך די רבנים האָבען זיך אָנגעהויבען מסופק זיין זיך אין די הייליגקייט פון זיין שליחות, ווארום זיי האָבען געזאָגט, אז ווען משיח אַליין הייסט אָפּטרעטען פון אידישקייט, און עובר זיין אויף דינים און מנהגים טאָר מען איהם ניט פאָלגען.

מען איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געוואָר געוואָרען פון שבתי צבי'ס דרכים, האָט איהם די מלוכה געהייסען קומען אהין. מיט איהם זיינען מיטגעפאָרען זיין ערשטער יועץ, און נאָך א גאַנצע חברה פון היימישע גוטע פריינד. די פאָליציי איז איהם אַנטקעגען געפאָרען און מען האָט איהם געשמידט אין קייטען. זיינע מאמינים האָבען זיך ניט געריכט אויף אַזא אומגליק, אַז זיי זאָלען מוזען זעהן זייער משיח געפאַנגען. זיינען זיי טויזענטערווייז אַרויסגעקומען צום שיף, מיט זיי זיינען אויך געגאַנגען א סך טערקען, און עס איז געווען א גרויס איבערגעלויף. איינער פון די טערקישע אָפיצערען האָט איהם מקבל פנים געווען מיט א גוטען פאַטש, שבתי צבי האָט געמאַכט א רחמנות פנימ'ל און אונטערגעשטעלט די צווייטע באַק... און אַלע האָבען געזעהן אין דעם א סימן, אַז די דאָזיגע בזיונות, דאַרף ער נאָך איבערקומען, כדי צו קענען ברענגען די פולשטענדיגע גאולה פאַר זיין פאָלק. מען האָט איהם דערנאָך געבראַכט צום גובערנאַטאָר — מוסטאַפאַ פאַשאַ — איז ער גאָר ביי זיך אַראָפּגעפאַלען. ער האָט געלייקענט שטיין אוןביין, אַז ער איז מעהר ניט ווי א רב, וואָס פאָרט אַרום אויף דער וועלט צונויפנעמען נדבות פאַר ארץ ישראל, און אַז ער איז ניט שולדיג אין דעם וואָס די אידען האַלטען אַזוי פון איהם און לויפען איהם נאָך. מען האָט איהם ניט געגלויבט און אַריינגעזעצט אין תפיסה.

שבתי צבי'ס חברה־לייט זיינען ניט שטיל געבליבען, זיי האָבען געאַרבעט אויף סטרונקעס, זיי האָבען אונטערגעהיצט די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אידען, זיי זאָלען ביי זיך ניט אַראָפּפאַלען, די גאולה וועט קומען. ער האָט אַליין אויף זיך גענומען די יסורים ווייל אָהן דעם קען ניט קומען די ישועה. דערצו האָט זיך נאָך אויסגעפונען א משוגענער טערקישער גייסטליכער, וואָס איז אַרומגעלאָפען אין די גאַסען און האָט געשריען אַז דער אידישער משיח איז געקומען. דאָס האָט געפירט דערצו וואָס טויזענטער מענשען, סיי אידען סיי טערקען, פלעגען אַלע טאָג שטעהן פאַר די פענסטער פון דער תפיסה, און וואַרטען ביז שבתי צבי האָט ניט אַרויסגעקוקט. זיי האָבען איהם געגאַרט צו זעהן און קריגען פון דערוויייטענס א ברכה. אָפט פלעגען זיך ווענדען צו איהם רייכע טערקישע סוחרים, וועלכע האָבען געהאַט א משפט מיט אידען; איין וואָרט פון שבתי צבי, איז גענוג געווען מען זאָל איהם פאָלגען, און ער זאָל אויסגלייכען ביידע צדדים. טערקיי האָט זיך אָנגעהויבען

ריכטען אויף א מלחמה און די מלוכה האט מורא געהאט איבערצולאזען שבתי צבי אין קאנסטאנטינאפאל, כדי ער זאל ניט אנמאכען קיין מרידה. דאן האט מען איהם איבערגעפירט אין א פעסטונג קאסטיא, ביי די דארדא־נעלען. אלע זיינע פריינט האבען דאן געקענט צו איהם קומען! די פעסטונג האט מען א נאמען געגעבען „מגדל עז". די תפיסה איז פארוואנדעלט געווא־רען אין א פאלאץ. זיינע ברידער פון סמירנא זיינען זעהר רייך געווען און האבען איבערגעשיקט גאנצע אוצרות. דער אויפזעהער פון פעסטונג האט אפגעלעקט א פעטען ביינדעל, און שבת צבי האט געלעבט ווי א מלך. זיין ווייב שרה וואס איז געווען מיט איהם, האט מיט איהרע חנדלעך צוגעצויגען דעם עולם נאך מעהר ווי שבתי צבי מיט זיינע מופתים. דעלעגאטען פלעגען קומען כמעט פון דער גאנצער וועלט, צווישען זיי פוילישע דעלעגאטען, וועלכע פלעגען דערצעהלען מיט בלוטיגע טרערען די פיין און צרות וואס די אידען שטעהען אויס פון די קאזאקען: זייערע כשר'ע ווייבער און טעכטער ווערען געפייניגט; אידען ווערען ווי הינט געהאנגען — און גאט זאל צו זעהן זייער פיין און משיח זאל זיי רעטען.

פונקט ערב פסח האט מען איהם איבערגעפירט קיין קאסטיא און ער האט אליין געקוילעט א לעמעלע פאר א קרבן פסח און האט עס מיט אלע זיינע מקורבים געגעסען אינגאנצען אהן בדיקה, כדי צו ווייזען, אז ער איז מבטל אלע דינים פון שחיטה. פון דער גאנצער וועלט איז מען געפארען צו איהם.

נאר ניט קוקענדיג דערויף האט ער געהאט אויך פיל שונאים. ר' יעקב ששפורטש האט געשריען מען זאל זיך ניט לאזען פארפירען. אבער עס האט ניט געהאלפען. אפטמאל פלעגט ארויס א קריעג צווישען שבתי צביניקעס און געגנער, וואס עס פלעגט כמעט פירען צו בלוט פארגיסונג! מען האט געפרעגט שבתי צבי ווי מען זאל זיך נוהג זיין מיט די כופרים, וואס לייקענען אין איהם? ער האט געזאגט: „אז אפילו אום שבת איז אויך א מצוה זיי צו דערהארגענען און דערמיט קען מען פארדינען עולם הבא".

זיינע גראבע רייד זיינען גליך צו די רייד פון מאנאך ארנאלד, וואס איז געזאגט געווארען אין דער צייט פון די קרייצצוגען, ווען די פאנאטישע מחנות פון דעם מאנאך ארנאלד האבען איינגענומען די שטאדט בעזיער, האט מען צווישען די געהרגעטע געפונען צוויי הונדערט אידען (1209). „שלאגט אלעמען — האט ארנאלד געזאגט די קרייץ־טרעגער — און דארט אויפן הימעל וועט שוין גאט אליין דערקענען ווער עס זיינען די שולדיגע, און ווער ניט".

אויך האט שבתי צבי צוטיילט צווישען זיינע ברידער און פריינט דעם גאנצען ערד קוגעל און געמאכט זיי פאר מלכים און שרים. ער האט געהייסען מבטל זיין דעם תענית פון שבעה עשר בתמוז! אום תשעה באב ווען עס פאלט אויס זיין געבורטסטאג, מאכען א יום-טוב, זאגען הלל, זינגען און שפילען, עסען, טרינקען, אנטאן זיך אלע תענוגים. ער האט אויך געוואלט יום־כפור מבטל זיין.

ההר רעש וילד עבבר.

פלוצלונג האָט זיך געמאַכט אַן איבערשלאַג, וואָס האָט איהם צודרייט זיין קאָפּ: פון זיינע טויזענטער געסט האָבען זיך געפונען צוויי לומדים פון וועלכע ער איז געוואָר געוואָרן, אַז אין פוילען דרייט זיך אַרום אַ נביא נחמיה כהן, וואָס שרייט אַז די גאולה וועט באַלד קומען, נאָר ער דרינגט אַז שבתי צבי איז ניט משיח. ער האָט געבעטען אַז זיי זאָלען איהם צושיקען. ער האָט געזאָגט אַז נחמיה איז אַ גרויסער נביא. נחמיה איז געקומען און אָנגענומען געוואָרען פון שבתי צבי מיט גרויס כבוד. נחמיה האָט געשטעלט שבתי צבי שווערע פראַגען:

— ווי קען משיח פון בית דוד קומען, איידער עס איז געקומען זיין אָנזאָגער משיח פון בית אפרים, ווי אונזערע ספרים זאָגען?

שבתי צבי האָט געענטפערט, אַז דער בן אפרים איז שוין געווען.

נחמיה: דער ערשטער משיח האָט געזאָלט זיין אַ מגיד התורה, אָרים, פאַראַכט, אַ משרת ביים צווייטען, וואו האָט מען איהם געקענט געפונען,

נחמיה איז געווען אַ גרויסער למדן אין לשון קודש, סיריש און כאַל־דעאיש, און האָט זיך מתוכח געווען פונקט ביי פונקט און פסוק ביי פסוק. דריי טעג האָבען זיי זיך מתוכח געווען. קיין איינגעהאַלטענער מענש איז נחמיה ניט געווען און האָט אַרויסגעזאָגט פאַר אַלע שבתי צביניקעס, אַז שבתי צבי איז „אַ פאַלשער משיח". נאָך אַזאַ מעשה איז געבליבען ביי שבתי צביניקעס, אַז מען זאָל נחמיהן טויטען.

נחמיה אָבער האָט זיך אָנגעשטויסען אין וואָס פאַר אַ סכנה ער איז, און האָט זיך באַלד אַרויסגעגנבעט פון פעסטונג. ער איז אַוועק קיין אַדריאַ־נאָפּאָל צום גובערנאַטאָר מוסטאַפאַ, און האָט איהם איבערגעגעבען אַלץ וואָס עס טוט זיך אין קאַטיאַ, און דערלייגט, אַז סוף כל סוף וועט שבתי אָנרעדען די אידען מאַכען אַ מרידה. דער גובערנאַטאָר האָט דאָס באַלד מודיע געווען דעם סולטאַן, מחמד דעם פערטען, דער סולטאַן האָט צונויפגערופען אַלע מיניסטאַרען און זיך געהאַלטען אַן עצה וואָס צו טאָן מיטן מלך המשיח, וואָס וויל ביי איהם אַראָפּנעמען זיין קרוין?

אַראָפּנעמען שבתי צבי'ס קאָפּ האָט דער סולטאַן ניט געהייסען, ווארום טערקען האָבען אויך פון איהם געהאַלטען, אַלזאָ נאָך זיין טויט קען ווערען אַ באַזונדערע סעקטע צווישען טערקען אַלייז. אַ גייסטליכער האָט אַן עצה געגעבען, מען זאָל איהם אָנרעדען צום מחמדאַנישען גלויבען. דאָס איז אָנגענומען געוואָרען. מען האָט דאָס איבערגעגעבען צום סולטאַנס לייב־דאָקטאָר דידון, אַ משומד, ער זאָל אויף איהם ווירקען און אָנרעדען שבתי צבי איבערבייטען זיין אמונה.

פּלוצלונג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, מען זאָל שבתי צבי אַריינברענגען קיין אַדריאַנאָפּאָל. שבתי צבי האָט ערשיינט פאַר׳ן סולטאַן אין זיין גאַנצען בלעסק מיט די קרוין אויפן קאָפּ, אין באַגלייטונג פון זיין שעהנע פרוי שרה און נאָכפאָלגער. דערזעהענדיג איהם איז דער סולטאַן געוואָרען מלא חמה און געוואָלט שוין אויפן אָרט זיך נוקם זיין אין איהם, זאָגענדיג: „אויב דו ביסט משיח, ווער נצול פון מיין פייל!“

שבתי צבי האָט געפילט אין זיך אַן איבערמענשליכען כח צו אויס־שטעלען זיין ברוסט פאַר די גיפטיגע פיילען, וואָס דער סולטאַן וויל אין איהם אַריינשיסען. שבתי צבי האָט אין דעם מאָמענט באמת געוואָלט אַז די פייל זאָל טרעפען אין איהם און דאַן איז ער זיכער אַז די זייגער פון דער וועלט וואָלטען גענומען ציטערען, און די גאולה וואָלט ענדליך געקומען. דער סולטאַן איז געווען אומרוהיג, אָבער דער סולטאַן ווערט נאָך ניט איבערצייגט אַז שבתי צבי איז משיח און לייגט אָפּ אויף מאָרגען דעם פּרואוו. שבתי צבי שטעהט אַ גאַנצע נאַכט אין טלית מיט פאַרגלאָצטע אויגען צום הימעל, ער איז מתפּלל אַז דער רבונו של עולם, זאָל באַווייזען אַ מופת, אַז ער זאָל מאָרגען נצול ווערען פון סולטאַנס פייל... ער וויל דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון אַן איש אלקים, און אַרויסשטופּען פון זיך דעם בשר ודם, מיט אַלע זיינע תאוות (ער האָט מיט זיין פרוי שרה ניט געלעבט, כאָטש זי איז געווען די בעלת־הבית). שבתי צבי שלאָגט זיך מלקות, פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד, פּייניגט זיך ביז וואַנען ער פאַלט אין חלשות... זיין געשריי וועקט אויף זיין שעהנע פרוי שרה, וועלכע ערמונטערט איהם מיט ליעבע פון אַ מוטער, וואָס איז טיפער פון דעם ים, זי רייסט איהם אָפּ מיט איהר צערטליכע ליעבע פון הימעל נידעריקער צו די ערד... זי נעמט איהם אַריין אין איהרע צאַרטע ווייסע אָרעמס, פּרעסט איהם צו זיך און ער ווערט געפאַנגען... אויף מאָרגען פרי פילט ער שוין אַז ער איז אַ פּראָסטער בשר ודם, כאָטש ער ברומט ווי אַ גערייצטער טיגער אויף זיין פאַרלאָרענער שטרעבונג — און אין דעם מאָמענט קומט אַריין דעם סולטאַנס לייב־דאָקטאָר דיפון, און שילדערט אָפּ שבתי׳ן וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מיתה איהם ערוואַרטעט אויב ער וועט ניט פאָלגען אָנצונעמען דעם מוסולמאַנישען גלויבען... שבתי צבי איז פאַרציטערט געוואָרען הערענדיג דאָס. נאָר שבתי פילט אַז ער איז אַ מענש מיט אַלעמען גלייך און האָט מורא אשר לא „יסרקו את בשרו במסרקות של ברזל וספוגין של צמר ישימו על לבו“ און צווייטענס ווי געהט מען אוועק פון דער וועלט איבערלאָזענדיג אַזא שעהנהייט ווי זיין פרוי שרה, וועלכע רעדט איהם אָן צו אַלדעם בייז, נאָר ניט צו פאַרלירען עולם הזה! שבתי צבי קומט פאַר׳ן סולטאַן, טוט אויס די קרוין. דער סולטאַן איז פול מיט נצחון, אָבער שבתי וואָרענט איהם אַז ער האָט זיך גאָרניט וואָס צו פרעהען, דער אמתער משיח וועט נאָך קומען, און אַלע מלכים וועלען זיך בוקען פאַר איהם, אָבער דאָס

ווערט זיין פאר'ן אמת'ן משיח. ער, שבתי, איז א פאלשער משיח, ווארום גאט האט זיך צו איהם ניט געוויזען.

שבתי צבי ווערט א טערק... דער סולטאן האט איהם א נאמען געגעבען מחמד עפענדי! געגעבען איהם א שטעלע מיט געהאלט, דאס זעלבע האט געטאן זיין ווייב שרה, זי האט אנגענומען דעם נאמען פאטא קארין. אויך פיל פון זיינע מקורבים האבען נאך געטאן דאס זעלבע.

די טרויעריגע בשורה האט ארומגעכאפט די גאנצע וועלט. מען האט געטייטעלט מיט די פינגער פון אלע זייטען און חוזק געמאכט. דער סולטאן האט זיך געוואלט נוקם זיין אין די אידען להרג ולאבד; די קליינע קינדער ביז זיבען יאהר אפרייסען פון אידישקייט. פופציג רבנים האט ער געוואלט אויסהארגענען פארוואס זיי האבען צוגעלאזט דאס פאלק זאל זיך פארדרייען די קעפ מיט פוסטע חלומות. מען האט אבער דערצו ניט צוגעלאזט! אידען זיינען נאר אפגעקומען מיט שרעק. נאר ניט קוקענדיג אויף דאס אלעס האבען די ארומיגע זיינע פריינט, וועלכע האבען אפגעלעקט א פעטען ביינדעל, ניט אויפגעהערט צו שרייען אז עס איז שווער צו פארשטעהן די סודות פון משיח'ן. שבתי צבי האט באמערקט אז דאס פייער וואס ער האט אנגעצונדען איז נאך ניט אינגאנצען פארלאשען געווארען; האט זיך ביי איהם אין הארצען דערוועקט דער פריהערדיגער חשק צום אלטען שווינדעל. ער האט ארויס-געלאזט א ספר: „סהדותא דמהימנותא“. ער האט מיט דעם א וואונק געגעבען אז ער איז נאר לפנים איבערגעגאנגען צו די מחמאדאנער, כדי מגייר צו זיין א סך טערקען. דעם סולטאן האט ער געזאגט, אז ער מוז זיך דרעהען צווישען אידען, כדי ער זאל זיי מאכען פאר טערקען. נאר דער שווינדעל האט זיך ניט איינגעגעבען, מען האט איהם פון דער מלוכה שפיאנירט, מען האט איהם דערטאפט אין א דארף ביי א תפלה מיט עטליכע מנינים אידען, ניט ווייט פון קאנסטאנטינאפאל. מען האט איהם אוועקגעפירט קיין אלבאניע און באזעצט אין א קליין שטעדטעל, דולציניא, וואו ער האט שוין קיינמאל ניט געזעהן א אידען פאר די אויגען! דאס איז געווען פאר איהם א שטארקער קלאפ. א ביטערע מרה שחורה האט איהם פון די פיס געווארפען. אין 1676 איז ער עלענד געשטארבען, אפילו ניט געווען א איד וואס זאל ארויפלייגען אויף זיינע אויגען שערבעלאך.

! פון די אויבערשטע באשרייבונג זעהען מיר ארויס אז די בלוטיגע פאלקס טרערען, פיין, צרות, שרפות, פאגראמען, האבען באשאפען משיחי-שקר צווישען אידישען פאלק. שבתי צבי, דער פאנטאזיאר, האט זיך איינ-גערעדט אז ער איז משיח. און האט זיך בעת צרת עמו, מיט דעם אלעס באנוצט צו שפילען אטייפעל-שפיל, און מיטשלעפען אין דער טיפעניש פון אפגרונט זיך אליין מיטן כלל ישראל. ער האט זיך איינגערעדט. און באמת

געגלויבט, אַז ער איז דער באַרופענער צו דער גרויסער שליחות, דער אמת'ער גרינדער פון דער „מלכות השמים" אויף דער ערד. ער האָט זיך אויסגעטויגט דער טערקישער שאַרלאַטאַן צו פאַרקניפּלען אַ שטאַרקען קניפּעל, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין פעסטען כאַראַקטער און ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו באַגעהן מיט אַ גאַנץ פאָלק און עם האַלטען אין די הענט.

קריסטען און מאַכמאַדאַנער האָבען אין איהם אויך שטאַרק געגלויבט. ווען ער וואָלט האָבען אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען, וואָלט נאָך אפשר געקאָנט אַרויס אַ שטיקעל ישועה פאַר'ן אידישען פאָלק. אָבער ניט פילענדיג קיין געטליכע קראַפט איז ער געבליבען שטעהן אין מיטן און נאָך אַ מיאוסן שאַנד־פלעק נאָך זיך האָט ער איבערגעלאָזען, מיט דעם וואָס ער האָט געביטען זיין אמונה.

ווארום האָט ער דאָס געטאָן? צו דען איז דאָס צוליב דעם וואָס ער זעט איין אַז ער איז ניט ווערט געווען צו טראָגען דעם נאָמען איד? נאָר מיר דוכט זיך אַז מיט שוואַכקייט פון זיין כאַראַקטער קענען מיר פאַרענטפערען די קשיה. בעת ער איז געווען אויפן שפּיץ פון זיין גדולה און די גאַנצע וועלט האָט געשטורעמט מיט איהם האָט שבתי צבי דאַן פאַרלאַנגט פון בורא, ער זאָל זיך ערשיינען צו איהם, ער זאָל הערען אַ בת־קול, דער רבונו של עולם זאָל איהם, שבתי'ן, געבען דעם רוח ד' און כח פון די נביאים, צו באַווייזען נסים ונפלאות, אותות ומופתים, פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז איטליכער זאָל זעהען אַז ער איז דער ריכטיגער משיח! ער וויל דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון אַ „איש אלקים", דורך סגופים, מלקות וכ' אָבער גאָטס קול — אַ בת־קול, הערט ער ניט. ער פייניגט זיך, וויינט יאָמערליך, און שרייט, אָבער אומזיסט... ער שטעהט פאַר'ן סולטאַן, עס זיינען געוואָרען אָפּגעווישט אַלע גרענעצען צווישען ווירקליכקייט און פאַנטאַזיע. ער איז אין אַ סכנה, די גיפטיגע פיילען פון סולטאַן וועלען באַלד לעכערען זיין ברוסט און קיין נס טרעפט ניט, ניטאָ קיין מופת... דאַן טרעט ער אַרויס אַלס נקמה אַנטקעגען דעם באַשאַפער און בייט זיין אמונה... און דאַן ווי אין אַ שפּיגעל שיינט אָפּ זיין געזיכט און איז בלט אַז ער איז נאָר „אַ קליין מענשעלע", מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, אַ פּחדן אַ טרוסיק... אַ פאַנטאַזיאָר, זיך אַליין אָפּגע־נאַרט און דער גאַנצער וועלט...

נאָכ'ן טויט פון יעקב צבי איז די פירערשאַפט פון די סאַלאָניקער שבתי צביניקעס אַריבער צו זיין זוהן ברכיה (1695-1740). אין זיין צייט האָט זיך די סעקטע אַלץ מעהר געשטאַרקט, איהרע מיטגלידער האָבען לפנים אָפּגעהיט דעם איסלאַם און אין געהיים האָבען זיי געגלויבט, אַז שבתי צבי איז די פאַרקערפּערונג פון גאָט. די שבתי צבי'אישע סעקטע אין סאַלאָניקי האָט נאָך עקזיסטירט זעהר לאַנג. רעשטען פון איהר זיינען נאָך געבליבען ביז היינטיגען טאָג אונטערן נאָמען „דאָנמע".

פראַנק (דער פּאַרטעטער).

ישעיהו האָט געזאָגט: „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" — „דיינע צעשטערער און דיינע פאַרוויסטער וועלען פון דיר אַרויסגעהן" (ישעיהו מט') — עס כאַפּט זיך אַרויס אַפּטמאָל פון אידישען פאָלק אַ מענש, וואָס מיט זיינע מעשים פאַרשאַפט ער פיל צרות און שמערצען, און רואינירט דעם גאַנצען לעבען פון כלל ישראל. צו אַזאַ חיה בזויה געהערט יעקב פראַנק, וועלכער האָט געמעגט אויסגערונען ווערען אין זיין מוטערס בויך.

יעקב לייבאָוויטש, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרען מיט דעם נאָמען יעקב פראַנק, אָדער באַראָן אָפּענבאַך. איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 1720 אין בוטשאַטש, אין אַ קליין שטעדטעל פון גאַליציען. געשטאָרבען איז ער אין 1781, און מען האָט איהם באַגראָבען אין אָפּענבאַך.

זיין פאָטער, ר' יהודה ליב, איז געווען רב אין טשערנאָוויץ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דער וואָלעכייא. ר' ליב'ן האָט מען חושד געווען אַז ער איז אַ שבתי־צביניק, און מען האָט איהם אַרויסגעטריבען פון דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אין ולחיה. ביי דעם מאַן איז געבאָרען געוואָרען אַ זוהן יעקב. לערנען האָט דער אינגעל ניט געוואָלט, האָט מען אהים אָפּגעגעבען פאַר אַ משרת, אין קראַם. דערנאָך איז ער געוואָרען אַ פעדלער איבער דער שטאָדט. אָפטמאָל פלעגט ער אַריינפאָרען אין טורציע, אין סאַלאָניקי. און סמירנאַ, דאָס איז די שטאָדט, וואָס דאָרטען איז געווען דער צענטער פון די שבתי צביניקעס, וואָס פילע פון זיי האָבען זיך שוין געזעצט פאַר טערקען און האָבען געהייסען דאָנטאָ. דעמאָלט איז ער געבענטשט געוואָרען מיט דעם נייעם נאָמען פראַנק, ווייל די טערקען פלעגען רופען יעדען פרעמדען פראַנק. אין סמירנע האָט דער יונגער סוחר פון גאָלד און זיידענס דאָס ערשטע מאָל דערהערט דעם נאָמען: שבתי־צבי. מען האָט איהם דערצעהלט נסים ונפלאות וועגען דעם „משיח" און זיין מח האָט אויפגעפלאַמט, און ער איז געווען איבעראַשט פון די דערצעהלונגען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט פון די אָנהענגער פון דעם נייעם משיח און דערוואוסט אַז דער פירער פון דער באַוועגונג אין סמירנאַ הייסט ישכר. יעקב פראַנק איז געווען אָנגענומען פון חכם ישכר:[1] אין אַ גרויסען פרעכטיג מעבלירטען צימער, אויף אַ טייערען, פערסישען טעפּיך איז געזעסען „חכם ישכר", אונטערגעלייגט אונטער זיך די פיס, מיט אַ בלוי־זיידענעם, גאָלד־געשטריקטען טורבאַן אויפן קאָפּ; נאָהענט לעבען איהם, אין אַ האַלב־קרייז. זענען געלעגען זקס יונגע רייצענדע, האַלב נאַקעטע מיידלאַך, און געמאַכט מיטן קאָפּ און מיט די הענט געהיימניספולע באַוועגונגען. „חכם ישכר" האָט דערקלערט פראַנק'ן די טעאָריע פון זייער סעקטע. אינגיכען איז פראַנק געוואָרען אַן אָנהענגער פון דער באַוועגונג צו וועלכע ס'האָט געהערט ישכר.[1]

יעקב יוזעף באַראָן פאָן פראַנק-דאָברוצקי

(אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען.)

די דאָזיגע באַוועגונג האָט וויייניג געהאַט צו טאָן מיט דער משיח־אידעע פון שבתי־צבי. זי איז פאַר דער צייט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ געהיימע סעקטע, וועלכע פלעגט אונטערן מאַנטל פון מיסטישען עקסטאַז, פּראַווען די גרויליכסטע עראָטישע אָרגיעס. די סעודות און טענץ האָבען שטאַרק צוגעצויגען פראַנק'ן. די סעודות זיינען געפּראַוועט געוואָרען צוזאַמען מיט האַלב־נאַקעטע פרויען ביי שוואַרצע ליכט. דער מיסטישער שלייער אין וועלכען דאָס איז אַלץ געווען איינגעהילט, האָט גערייצט זיין פאַנטאַזיע. די אַנטפּלעקונגען פון קבלה און זוהר, וועלכע עס האָט געמאַכט פאַר איהם דער חכם יששכר, האָבען געמאַכט אַן איבערקערעניש אין פראַנקס נשמה. ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צום מחמדנישען גלויבען אַזוי ווי אַלע, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער סעקטע דאָנמאה, און פראַנק האָט זיך גערעכענט צווישען די פייערדיגע שבתי־צביניקעס. אין יאָהר 1752 האָט פראַנק חתונה געהאַט אין ניקאָפּאָליס, מיט זעהר אַ שעהנע פרוי חנה, וואָס האָט געבאָרען צוויי זיהן יוסף און יעקב און איין טאָכטער חוה. יעקב פראַנק איז ניט געווען קיין שעהנער, אַ רעדנער טאַלאַנט האָט ער אויך ניט געהאַט, קיין למדן געווים ניט געווען, נאָר ער האָט פאַרמאָגט אַ פעסטען כאַראַקטער, און געווען זייער כיטרע. און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבען בלאָזען פון זיך און שרייען, אַז אין איהם ליגט די נשמה פון שבתי צבי. עס האָבען זיך אָפּגעזוכט עטליכע נאַרען, וואָס האָבען איהם געגלויבט! זיין פרוי, האָט איהם געהאָלפען, זי האָט צוגעצויגען יונגעלייט פון אַלע זייטען, און צוליעב איהר איז ער אויך גרויס געוואָרען.

אין טערקיי איז איהם שלעכט געגאַנגען, וויייל פראַנק איז געגאַנגען מיט גרויס עזות און הפקרות, און פאַר אַלעם בייזעס האָט מען איהם שטאַרק גע'רודפ'ט. עס איז געבליבען ביי איהם פאַרען זוכען גליק אין פּוילען, וואו אידען זיינען ניט לאַנג אָפּגעגאַנגען פון בלוט, דאָס איז געווען נאָך די שרעקליכע שחיטות פון די קאָזאַקען! יעקב פראַנק האָט געוואָלט אויסנוצען די צייט און פאַרדרייען די קעפּ פון די אויסגעמוטשעטע פּוילישע אידען.

אין 1755 יאָהר, פּונקט ווען אין די פּוילישע אידישע קהלות האָט זיך רעכט צוברענט דאָס מחלוקת וועגען ר' יהונתן אייבשיץ, איז יעקב פראַנק אַראָפּגעקומען קיין פּוילען. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פיל געלט און געגעבען גרויסע נדבות, דערמיט האָט ער זיך קונה שם געווען. די פּוילישע שבתי־צביניקעס האָבען געזוכט אַ מנהיג, וואָס זאָל האָבן אין זיך אַ כח זיי צו אָרגאַניזירען, ווען זיי האָבען דערזעהן יעקב פראַנק, איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס איז דער בעסטער. פראַנק האָט זיי איינגערעדט אַז אין איהם איז אַריין דער רוח הקדש און זיי האָבען איהם געגלויבט. פאַר די שבתי צביניקעס איז שוין גענוג געווען, וואָס פראַנק האָט געלעבט אין סאַלאַניקי, און האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער אייגענער הייליגער ערד, וואָס אויף איהר איז אויסגעוואַקסען שבתי־צבי מיט זיין גאַנצער משפּחה,

ער האָט זיי איינגערעדט אַז ער וועט זיי פיהרען קיין ארץ ישראל. אַלע האָבען איהם געגלויבט און וואוהין ער איז נאָר געקומען זיינען איהם טויזענטער נאָכ־געלאָפען, אין רוהאַטין, בויסק, נאַדוואָרנא, לאַסקאַרען און נאָך אַנדערע שטעדט פון פאָדאָליען און גאַליציען, האָט מען איהם פּשוט אויף די הענט געטראָגען, און איהם צוליעב, האָבען זיך די שבתי צביניקעס אָנגעהויבען רופען פראַנקיסטען, אָדער זוהריסטען, ווייל דער זהר איז ביי זיי געוואָרען דאָס הייליגסטע. דעם נאָמען פון פראַנקען האָבען זיי אַריינגעשטעלט אין די תפלות, און פלעגען איהם ניט אַנדערש רופען ווי „הייליגער הער". צו די שבתי צביניקעס זיינען צוגעשטאַנען עטליכע רבנים און בכבודע בעלי־בתים, ווי דער נאַדוואָרנער רב ר' יהודה ליב קריסא, דער בוסקער רב ר' נחמן בן שמואל הלוי, און באַזונדערס דער אַלטער גביר, אלישע שור, וואָס זיין טאָכטער חוה האָט געקאָנט אויסוויינינג דעם גאַנצען זהר, און האָט זיך גערעכענט פאַר אַ נביאה. דערווייל האָט זיך געמאַכט וואָס יעקב פראַנק איז געקומען קיין לאַסקאַרון, ווען עס איז דאָרט געווען אַ יריד, ער האָט זיך מיט צוואַנ־ציג פראַנקיסטען פאַרשלאָסען אין אַן אכסניא און אביסעל אַ הוליע געגעבען, געפּראַוועט טענץ מיט אַ נאַקעטע פרוי... לויט נאָכן דין פון זייער סעקטע... די אידען פון לאַסקאַרון האָבען געפילט דעם חלול השם און האָבען געגעבען וויסען דער פּאָליציי, וועלכע האָט פאַרנומען אַלע פראַנקיסטען, נאָר אַזוי ווי פראַנק איז געווען אַן אויסלענדער האָט מען איהם תיכף אָפּגעלאָזט. און די איבעריגע האָבען געמוזט כורע ומשתחוה זיין אַז מען זאָל זיי באַפרייען.

דעמאָלט האָבען די רבנים געמאַכט די ערשטע אספה אין סאַטאַנוב, און טאַקע באַלד האָט מען אין בראָדי, פונקט אין חדש סיון פונ'ם יאָהר 1756, אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפען חרם געגען די פראַנקיסטען. מען האָט באַשלאָסען אַז קיינער זאָל זיך מיט זיי ניט משדך זיין, זייערע קינדער זאָלען זיך רעכענען פאַר ממזרים. אויך ר' יעקב עמדן האָט געענטפערט צו די רבנים אַ קורצע תשובה, אַז מען טאָר גאָר אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבען.

איך מוז מאַכען דאָ אַ באַמערקונג, אַז די צאָהל פון די פראַנקיסטען איז געווען אַ מיעוט, ווי די צאָהל פון די שבתי צביניקעס אין די צייט פון שבתי־צבי, דאָן האָט שבתי צבי פאַר קיין חרם ניט געפירכטעט און דער חרם האָט ניט געהאַט קיין קראַפט, ווייל די אידישע מאַסע, כמעט ווי איין מענש, איז געגאַנגען נאָך איהם. אָבער איצט איז געווען גאָר אַנדערש: פילע אידען האָבען אַרויסגעזעהן אַז די גאַנצע באַוועגונג פון שבתי צבי און פון פראַנקען איז דורך שווינדעל...

אַ נעץ פון רכילות, בלבולים און ליגענס.

די געגנער פון די פראַנקיסטען זיינען אוועק נאָך ווייטער. אין דעם אייגענעם יאָהר האָט מען זיי מחרים געווען אום ראש השנה, אין שוהל, און מען האָט באַזונדערס געזעהן אַז די ווייבער זאָלען זיך אָפּזאָגען פון די פראַנקיסטען. און מען קען זאָגען, אַז עס איז ניט געווען איין משפּחה, וואו דאָס פאַמיליען-לעבען זאָל ניט זיין פאַרפּינסטערט און געשטערט. אויך זיינען די געגנער געגאַנגען מיט מסירה, זיי האָבען געוואָלט די פראַנקיסטען עוקר מן השרש זיין, האָבען זיי געלאָזט זאָגען ניקאָלאַי דעמבאָווסקי, דעם עפּיסקאָפּ פון קאַמיניץ-פּאָדאָלסק, אַז עס האָט זיך געמאַכט זעהר אַ שעדליכע אידישע סעקטע. די פראַנקיסטען זענען טאַקע געווען אין אַ גרויסע סכנה, ווייל דעמבאָווסקי איז געווען אַ הייסער קאַטאָליק, און ער האָט זיי געוואָלט איבערגעבען דעם אינקוויזיציאָנס-געריכט, קוים איז פראַנק געוואָר געוואָרען פון דער מסירה האָט ער געשיקט אַ בריעף פון טערקיי צו די פראַנקיסטען, און האָט זיי געראָטען זיי זאָלען פּשוט זאָגען דעם עפּיסקאָפּ, אַז דער יסוד פון זייער אמונה, איז דער אייגענער וואָס ביי די קריסטען, און אַז זיי האָבען דעם תלמוד פיינט, דערפאַר וואָס ער איז פול מיט שקרים און מיט מאוסע זאַכען.

דאָ האָט זיך פאַרקאָכט דער גאַנצער סיר-באַר: פראַנק האָט זיך בגנבה אַליין אַריבערגעכאַפּט קיין פּוילען, געגעבען אַן עצה אַז צוואַנציג-דרייסיג מענשען זאָלען זיך טויפען, דעמאָלט וואָלט דער עפּיסקאָפּ געזעהן, אַז זיי מיינען טאַקע ערענסט איבערצוגעהן צום קריסטענטום, און די אידען וואָלטען געבליבען מיט אַ נאָז... נאָר פראַנק אַליין האָט פאַרשטאַנען אַז זיין חברה וועט דאָס ניט טאָן. ער איז אָפּגעפאָרען צוריק, און איז ניט געווען פעסט ביי זיך, אַז מען וועט איהם פאָלגען. די אידען האָבען זיך דערוואוסט אַז פראַנק דרייט זיך ווייטער אַרום אין פּוילען, האָבען זיי געגעבען נאָך אַ מסירה, און די פּאָליציי האָט פאַרנומען אַ סך פראַנקיסטען, און האָט זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה, דאָס האָט די פראַנקיסטען אַרויסגעבראַכט פון געדולד, און עס איז ביי זיי געבליבען זיי זאָלען טאָן אַזוי ווי יעקב פראַנק האָט זיי געהייסען. אַז מען האָט זיי געפירט צום עפּיסקאָפּ, האָבען אַלע געשריען אַז זיי זיינען געגנער פונם תלמוד און רעכענען זיך פאַר קריסטען און דערפאַר טוען די אידען זיי אַן אַזעלכע צרות. דערביי האָבען זיי שוין ניט געזשאַלעוועט אויסצורעדען אויף די אידען וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אין מויל אַריין, און האָבען אַפילו געזאָגט, אַז אידען באַנוצען טאַקע בלוט צו די מצות. די שונאי ישראל האָבען זיך געפרייט מיט אונזער אומגליק, מיט אונזער קריגעריי, און דעמבאָווסקי האָט געזעהן אַז דאָס איז פאַר איהם

א גוט געשעפט, אז ער וועט באקומען טויזענטער פרישע קאטאליקען, און ער האט געהייסען באפרייען אלע פראנקיסטען און האט זיי געגעבען דאס רעכט אומעטום צו וואוינען און פריי צו האנדלען, ער האט זיי נאך צוגעזאגט צו שיצען. די פרייד פון די פראנקיסטען איז געווען אהן א ברעג. און זיי האט זיך פארוואלט נוקם זיין זיך אין זייערע שונאים. זיי האבען זיך געווענדעט צו דעמבאווסקין מיט א בקשה, ער זאל זיי ערלויבען א וכוח מיט די רבנים, און זיי אויפווייזען פון זהר, אז דער יסוד פון דעם קריסטענטום איז הייליג. דעם עפיסקאפ איז די זאך זעהר געפעלען געווארען און ער האט ערלויב.ט און דעמבאווסקי האט ארויסגעגעבען א באפעל אז די רבנים זאלען קומען האבען א וכוח מיט די פראנקיסטען. אין יענער צייט האבען אבער די רבנים גארנישט געוואוסט אחוץ תלמוד. פויליש האבען זיי ניט פארשטאנען. דערפאר האבען זיי פארשפילט דעם משפט. און זיי זיינען געווען גענויט צו באצאהלען קנס צו די פראנקיסטען און אויך האט פארזאגט דער עפיסקאפ אז מען זאל פארברענען דעם תלמוד. אזוי האט מען געטאן און דער תלמוד איז פארברענט געווארען אין קאמענעץ טויזענטער.

דאמביצקי איז געשטארבען אין יענעם יאהר. דאן האבען די פאר־שטעהער פון דער אידישער קהלה גערודפט די פראנקיסטען. פראנק איז געקומען שנעל זיי צו הילף, און האט זיי געזאגט אז פון הימעל האט מען איהם ענדעקט אז זיי זאלען אנעמען דעם קריסטליכען גלויבען פון אויסענווייניג... און אין הארצען בלייבען שציים. זיי האבען איהם געפאלגט. זיי זיינען געקומען קיין לבוב, און זיי האבען געזאגט פאר די פארשטעהער פון קאטא־ליקען, אז זיי גלויבען אין אמונת הנוצרים, און צוליב דעם כבוד פון די קאטוילישע אמונה, וועלען זיי נאך אמאל האבען א וכוח מיט די רבנים. און פונקט ווי צוויי יאהר צוריק אין קאמעניץ, האבען די רבנים געהאט דעם אייגענעם פסק ווי אין לעמבערג. נאך לעמבערגער וכוח האבען די רבנים געמאכט אין קאנסטאנטינאוו א גרויסע אספה, און עס איז נגמר געווארען ביי זיי, אז מען זאל אווענדען אלע מיטלען צו זעהן אז די פראנקיסטען זאלען זיך אויפהערען צו רעכענען פאר אידען. איין געגנער האבען דעמאלט די רבנים געהאט, דאס איז געווען ר׳ ישראל בעל שם טוב. ער האט געזאגט אז גאט אליין וויינט אויף אזעלכע זאכען, ווייל כל זמן א קראנקער אבר איז נאך צוגעהעפט צום גוף, קאן מען נאך האפען, אז ער וועט אמאל געזונט ווערען, אבער ווי באלד מען שניידט איהם אפ, איז ער שוין אויף אייביג פארלארען...

אידען האבען זיך געלאזט קאסטען געלט און די גייסטליכע האבען זיך א נעם געטאן, און מען האט די פראנקיסטען געצויגען ביי די פאלעם און מען האט זיי געשלעפט צו טויפען. אין לעמבערג האבען זיך געטויפט איבער טויזענט מאן. מיט גרוים פאראד איז פראנק איבערגעגאנגען צום

קאטאליציזמוס, ביים טויפען איז דער קינג אויגוסט דער דריטער געווען פראנקס טויף־פאטער. אויך זיין פאמיליע האט זיך געטויפט. נאר אפילו נאך זייער שמד'ן זיך האבען זיי זיך אפגעשייד פון די קאטאליקען, ווארום זיי האבען געגלויבט אין שבתי צבי, אז ער דער גואל און פראנק איז דער „האדון הקדוש" נאר מיט דער צייט האבען זיי זיך צומישט מיט די קאטאליקען און זייער נאמען איז אפגעמעקט געווארען פון דער ערד. דער „האדון הקדוש" פראנק איז געווען פארפאלגט נאכן טויפען זיך פון דער מלוכה. מען האט איהם ניט געלאזען פאנאנדערנעמען די הענט, מען האט איהם, מיט זיין חברה, אנגעקלאגט אז זיי האבען מחלל געווען די קדושה פונם קריסטענטום, און מען האט איהם מיט זיינע מקורבים אפגעמשפט אויף אייביגע געפענגעניש. 13 יאהר איז ער געזעסען אין טשענסטאכואוו, און דערנאך באפרייט געווארען דורך סואוואראבן, דער הויפט פעלדמארשאל פון רוסלאנד, ווייל ער האט דאן איינגענומען טשענסטאכואוו.

פראנק האט געוואלט א באזונדערען פלאץ פאר זיין חברה, האט ער אפגעקויפט אין דייטשלאנד א טייערען שלאס, ניט ווייט פון דער שטאדט אפענבאך. פראנק האט באקומען דעם טיטול באראן פאן עפענבאך. דאטען פלעגט זיי קיינער ניט שטערען און זיי פלעגען פראווען זייערע ארגיעס — עראטיש מיסטישע צערמאניעס.. פראנק איז געווארען שוואך, און איז גע-שטארבען, און מיט גרויס פאראד האט מען איהם באגראבען אין עפענבאך. אכט הונדערט פראנקיסטען זיינען געווען ביי זיין לויה.

דעם מענשענס לעבען איז פארגליכען צו א בוך: דאס וויגעלע און דער קבר, זיינען די טאוולען; די יאהרען פון מענשענס לעבען, זיינען קאפיט־לאך, און די טעג — בלעטער. יעקב פראנקס לעבען איז ניט געגליכען געווארען צו א בוך, וואס פארזיסט דעם לעבען פון א מענשען, נאר צו אזא בוך, וואס זיין אינהאלט איז א געפערליכער, פול מיט גיפט — סם המות. ער פאראורזאכט נאר שאדען, ער פארגיפטעט זיין לעזער און מאכט איהם פאר א גייסטיגען קריפעל.

יעקב פראנק איז געווען אן אויסוואורף פון דער נאטור, א געפערליכע, א שעדליכע שמוציגע חיה. ליעב געהאט א פרייען הולטאיעשען לעבען. ער האט געביטען זיין רעליגיאן אזוי ווי א קלייד. געווען: א מאחמאדאנער, א קאטאליק, און א רוס. ער אלס סוחר, געהט צום פאפ און שמד'ט זיך אפ כדי צו באקומען פון איהם א התר צו האנדלען מיט צלמים, און אויב א רוסישער צלם צאהלט זיך בעסער אפ, ווי א קאטוילישער, בייט ער אוים בעסער אויף א רוסישען און שמד'ט זיך צום דריטען מאל... ער האט גע־שטרעבט צו שבתי צבי'ס גרויסקייט, אבער ער האט ערווארבען מעהר שונאים ווי גוטע פריינט. און ער האט פארדינט כלמרשט זיין שטורמישען, אוואנ־טוריסטישען לעבענס־וועג פון א פאלשען משיח.

וואָרום האָבען פיל מענשען אין איהם געגלויבט? דאָס איז לייכט צו פאַרשטעהן. די שרעקליכע צייט האָט מיטגעבראַכט דערצו, וואָרום די פוילישע אידען זיינען געווען פאַרמוטשעט, געזונקען אין צרות, און האָבען געזוכט אַ מנהיג. און יעקב פראַנק האָט זיך אונטערגערוקט, און געוואָרען דער רעדעל־פירער...

יעקב פראַנק האָט פאַרמאָגט אַ פעסטען כאַראַקטער און געווען געניג ביטרע צו פאַרוואַרפען זיין נעץ און כאַפּען אין מוטנע וואַסער פיל פיש...

פראַנק האָט פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּגעשטעלט — דער פאַרעטער — נאָר צו דערגרייכען זיין ציל. אויסגעטראַכט אויף אידען אַ שרעקליכען בלבול „עלילת־דם" און פאַרדאַמט מיט דעם כלל ישראל. אויפן דיספּוט פאַר די גוים האָט פראַנק אָנגערעדט אַלדעס בייז, אויף די אידען. די גוים האָבען אַליין ניט געגלויבט, וואָרום שקר האָט קיין שום פונדאַמענט ניט — נאָר גרוים איז געווען דער ביזיון...(אַלעס האָט ער געטאָן דערפאַר, וואָס אידען האָבען איהם ניט דערלאָזען פאַרשפּרייטען זיינע שמוציגע עקעלהאַפטע מעשים).

מיט איין וואָרט: פראַנק האָט רואינירט דאָס אידנטום, פאַרשטערט דעם שלום ביי אידען, און אָפּגעבראַכען פון גרויסען אַלטען בוים — בית ישראל — פיל צווייגען, וועלכע זיינען צוטראָטען געוואָרען מיט די פיס און זייער זכר איז ניט געבליבען אויף דער וועלט.

דער אידיש-דייטשער משיח.

די אידישע גלייכבארעכטיגונג איז אַנגענומען געוואָרען אלס געזעץ אין גאנץ דייטשלאנד פון יאָהר 1867. פון דעמאָלט אָן, האָבען אידען פריי אַפּגעאָטעמט. מאסענוויוז האָבען געשטראָמט אידען פון פּוילען, רוסלאנד און א. וו. צו דער מוטער דייטשלאנד. די מעהרהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, האָט אראָפּגעוואָרפען פון זיך די לאנגע קאַפּאָטע, באָרד און פאות, אָנגעטאָן זיך אין א פראק מיט ווייסע האַנדשען, און צילינדער און געוואָרען „יענקעלע" אָן עכטער „דייטש", און א נאָמען געגעבען זיך אין דייטשלאנד: „דייטשען פון משה'ס גלויבען".

פארגעסען האָט דער איד די אמאָליגע „קאָסטומען מיט דער געלער לאַטע" מיט וואָס מען האָט אמאָל מכבד געווען דעם אידען. אויך — די רדיפות פון 14-טען יאָהרהונדערט: „דער שווארצער טויט" — ביסלאכוויוז האָט דער איד זיך צוגעפּאסט צום דייטשען לעבען און אזוי ווי דער איד איז פול מיט דינאַמיק. מיט שאַפונגס-ברויז און מיט לעבענס-אימפּעט, האָט ער אָנגעהויבען בויען, פּראָדוצירען און אין גיכען גענומען אנטייל אין האנדעל און פינאנץ, אין דער פּאָליטיק, אין געריכט, אין דער פּרעסע, אין וויסענשאַפט. פילע אידען זיינען געוואָרען באַנקירען, פילע האָבען פארנומען שטעלעס פאר פּראָפעסאָרען אין אוניווערסיטעטען. מיר זעהען פאר זיך איצט א גרויסע אויפבליהונג אין דער דייטשער ליטעראַטור, אין דער וויסענשאַפט און אפילו אין דער קונסט פון אידישע קרעפטען און טאלאנטען. — און אימפּאָזאנט וואָלט געווען די רשימה וואָס מ'וואָלט געקענט פעסטשטעלען אין דייטשלאנד און אנדערשוואו, פון אידישע נעמען וואָס שטעהען אין דער ערשטער רייע פון אָט די אלע צווייגען פון קולטור. — צוזאמען מיט די גוטע רעזולטאַטען האָט די גלייכבארעכטיגונג באשאַפען אין דעם לעבען פון דייטשע אידען אויך אבנאָרמאלע דערשיינונגען.

די נאַטירליכע און נויטיגע דערנעהנטערונג צווישען די אידען און די קריסטען אויפן באָדען פון אלגעמיינע אינטערעסען, פלעגט אָפט אריבערגעהן צו א צונויפמישונג פון די אידען מיט די קריסטען. און אידיש-דייטשע קרעפטען און טאלאנטען, האָבען פארשווענדט 125 יאָהר לעבען צו שאַפען איין „עגל-הזהב", א מאָדערנעם „משיח" וואָס הייסט מיטן נאָמען: „אסימילאציע"..

די אָנהענגער פון דער אסימילאציע האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם על התורה והיראה, אויסגעמעקט פון סדור: „ציון וירושלים" — געבלי-בען אָרעם-נאַקעט פון אידישקייט, און האָבען גערעכענט אז די איינציגע פאָדים וואָס פארבינדט זיי מיטן אידענטום, איז די רעליגיאָן, און אזוי ווי אונטער דעם איינפלוס פון די נייע אידעען איז דאָס רעליגיעזע געפיל אָפּגע-

שוואכט געוואָרען ביי די אידען, פלעגט זיך דיזע פּאָדים אויך איבערייסען. מען פלעגט זיך רייבען פּלייצעס מיטן דייטשען גוי און דער יונגער דור פלעגט זיך אַלץ מעהר דערווייטערען פון אידענטום און זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסען און זיך פאַרלירען צווישען די דייטשען. און אַזוי איז באַשאַפען געוואָרען דער אידיש־דייטשער משיח — אַסימילאַציאָן.

זיי — די אַסימילאַטאָרען — זיינען געווען נאַכט־וואַנדלער, זייערע מעטאָדען זיינען באַשטאַנען אין ניט וועלען זעהן, פאַרלייקענען, קליין־זיין, פאַרזינקען, אינערליכע אונטערטעניגקייט. קנעכטיש ארומגעהן אויף די שפּיץ־פינגער, און שפּינען געוועבען, וואָס דער נעקסטער טאָג צרייסט.

פילע אידישע אידעאַליסטען האָבען אָנגעצייכענט דעם „שביל הזהב" פאַר'ן אידישען פאָלק. געטרייסעלט, געוועקט דעם דייטשען־אידען צום נאַציאָנאַלען געפיל. גבריאל ריסער, וועלכער האָט ארויסגעגעבען (אין 1830 יאָהרען אַ זשורנאַל „דער יודע" אין דייטש), איז ארויסגעטראָטען אַלס פייער־דיגער קעמפּער פאַר דער אידישער עמאַנסיפּאַציע, האָט געוועקט דעם געפיל פון זעלבסט־אַכטונג אין זיינע פאָלקס־ברידער און האָט פאַרדאַמט די אָפּ־טריניגע: „ניט עהרליך איז דער זוהן — פלעגט ער זאָגען — וואָס שעהמט זיך מיט זיין פאָטער, און ניט עהרליך איז דער דור, וואָס שעהמט זיך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט".

און אַזוי ווי אין אַלע צייטען, ווען דאָס אידישע פאָלק געהט ארויף, אין נאָר וואָס אַ מלוכה אויפן שפּיץ פון איהר גליק און הויבט זיך אָן אַסי־מילירען, דאַן גיסט זיך אוים דער כעס פון גאָט, אויף זיין פאָלק ישראל.

דער אידיש דייטשער גליק האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפען אין די אויגען פון אונזערע שונאים און אַ פינסטערער, אַ קרעפטיגער כח, מיטן באַוואוסטען נאָמען „אַנטיסעמיטיזם", האָט אָנגעהויבען צו פאַרפאָלגע די אידען אין דייטשלאַנד. „אַנטיסעמיטיזם" — איז נאָר אַ פאַרזוך אויפצולעבען מיטעל־אַלטערליכע פיינדשאַפט צו די אידען אין אַ נייער פאָרמע. אַזוי ווי אַמאָל האָבען גע'טענה'ט לבנ'ס קינדער: „כל מאשר לאבינו עשה את כל החיל הזה" — „יעקב האָט אַוועקגענומען אַלעס וואָס אונזער פאָטער האָט געהאַט, און פון דעם וואָס האָט באַלאַנגט צו אונזער פאָטער האָט ער אָנגעזאַמעלט די רייכקייט". און אַזוי ווי המן — דער בעדער — האָט געטענה'ט: „ואת דתי המלך אינם עושים" — „דעם קעניגס באַפעהלען טוען זיי ניט", אַזוי האָט געטענהט דער איצטיגער המן — היטלער — דער מולער — אַז דער איד האָט פאַרכאַפּט אין דייטשלאַנד אַלעס אין זיינע הענט, און שטויסט ארוים כלמרשט דעם קריסט. פאָדערען זיי אַזעלכע באַשרענקונגען און אונטער־דריקונגען געגען די אידען, וועלכע זאָלען זיי רואינירען און צווינגען אויסצו־וואַנדערען אין אַנדערע לענדער. „אמת — זאָגען די שונאי־ישראל — איהר זייט געבילדעטער פון אונז, פילע פון אייערע זיידעס, זיינען געשמאַדטע, און

צומישט מיט אונזער בלוט, אבער דאך דארפען מיר אייך ניט". און איטליכע אידישע הארץ באגיסט זיך מיט בלוט צוקוקענדיג צו די רציחות וואס עס טוען אפ די נאצים אנטקעגען די אידישע דייטשען. אפילו דורות משומדים ווערען ארויסגעווארפען פון די קלויסטערס, און דער „עגל־הזהב" — דער נייער מאדערנער אידיש־דייטשער „משיח", וואס הייסט מיטן נאמען: „אסימי־לאציע", איז פארברענט געווארען אין פייער, דורכ'ן אנטיסעמיטיזם, און צומאלט ביז עס איז זעהר דין געווארען, און ער איז פארשפרייט געווארען אויף דעם וואסער... די וועלט לערענט אונז אזוי, אווקגעהן פון אידענטום קאן נישט דער איד. ער האט נישט וואוהין. א איד, וואס אסימילירט זיך, ווערט נישט קיין גוי, נאר אן אסימילירטער איד; א איד וואס געהט אוועק פון זיין אידישער סביבה, וואקסט ניט אריין אין קיין נייער סביבה, נאר איז פאראורטיילט זיך צו פלאנטערען צווישען די פיס, אלס פרעמדער, אלס א ניט געבעטענער, אלס דער וואס ברענגט אריין „דיסהארמאניע". און אונזערע אידען קוקען מיט מיטלייד אויף „שה פזורה ישראל" — וואס איז פארפירט געווארען פון זיך זעלבסט, און וואס שלאגט זיך „על־חטא".

אלע ברידער פון אלע לענדער האבען זיך דערבארעמט איבער זיי ווי עס דערבארעמט זיך א פאטער איבער זיין קינד, וואס האט ווידערגעשפעניגט קעגען איהם, און איז אוועקגעגאנגען פון פאטערס הויז, און אז דאס קינד קומט צוריק צום פאטער מיט בשת פנים און מיט געוויין און געשריי, איז דער סדר פון דעם פאטער צו דערבארעמען זיך אויף זיין זון. אידען ראטעווען די דייטשע אידען פון די שארפע נעגעל פון די „נאצים" און נעמען זיי אריין אין „ארץ ישראל".

אזוי ווי דער איילבירט גיט נאר ארוים פון זיך זיין אייל, ווען מען פרעסט איהם, אזוי גיט נאר ישראל ארוים דאס בעסטע, ווען ער ווערט אונ־טערדריקט; דאן דערמאנט ער זיך ווער ער איז, און פילט זיין חטא פון: „לא תעשה לך פסל" — בלייבט א אידישער פאטריאט מיט לייב און לעבען. ער זעהט צו דערגרייכען ממשותדיגעס; ער בעארבייט דאס לאנד ארץ ישראל, בויט זיין היים, מאכט א באדען און טרעט אוים א וועג פאר משיח בן־דוד, וועלכער קען קומען אלע טאג און זיך פרייען מיט זיינע ניי־געבוירענע קינדער.

משיח.

אוי, קינדערלעך ליבע,
ס'וועט זיין אזוי שעהן,
משיח וועט קומען
אין גיכען צוגעהן...

די אויגען אזוי ווי
צוויי זונען ביי איהם,
א הויכער, א ווייסער,
און זילבער די שטים...

„וואס האט איהר מיר, קינדער,
צום אויפנאם געגרייט?" —
„משיח געטרייער,
מיר האבען געזייט...

מיט איין האנט צום אקער,
און איין האנט צום שווערד,
די אויגען צום הימעל,
די פיס אויף דער ערד."

„און ווער האט אייך, קינדער,
די בשורה געבראכט?" —
„משיח געטרייער,
מיר האבען געוואכט...
און שומרים געהאלטען
אויף איטליכען וועג:
משיח, משיח
וועט קומען די טעג..."

יהואש.

די טריט פון משיח'ן.

אין דער לעצטער צייט האָט דער אידעאַל פון משיח'ן אָנגענומען גאָר אַנאַנדער פאָרם. „מיר זיינען אין גלות, מיר קענען זיך ניט העלפען, מיר מוזען ערוואַרטען אַ נס פון גאָט, אַ משיח, אַ ערלייזער, וועלכער זאָל אַראָפּקומען פון די וואָלקענס" — די מאָטאָ איז מיט דער צייט נאָך די פאַלשע משיחים פאַרשוואונדען געוואָרען אינגאַנצען.

אין דער לעצטער צייט, אין יאהר 1872, נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט זיך באַוויזען אויף דער פאָלקס אַרענא דער ריכטיגער אידעאַ־ליסט, דאָקטאָר פּינסקער, וועלכער האָט אָנגעצייכענט דעם „שביל הזהב" פאַרן אידישען פאָלק, אין זיין דייטשישער בראשורע, אונטערן נאָמען: „אוטאָעמאַנ־ציפּאַציאָן" און מיט זיין ווערק האָט ער פאַרענטפערט די אידישע פראַגע, אַז דאָס אידישע פאָלק קען געראַטעט ווערען נאָר דאַן, ווען ער וועט זיך באַזעצען אין איין פּלאַץ (ער האָט נאָכדעם ערקלערט אַז דערמיט מיינט ער ארץ ישראל). ער האָט מיט זיין בראשורע אויפגעטרייסעלט, אויפגעוועקט דעם שלעפערדיגען און טרוימערישען פאָלק ישראל, און איהם אויפגעוויזען אַז מיט שלאָפען, טרוימען, וואַרטען און האָפען, וועט ער גאָרנישט מאַכען. ער הייסט אַרויסגעהן דעם אידען פון זיין געטאָ, באַפרייען זיך זעלבסט, פאָרען און באַזעצען זיך אין איין לאַנד און ניט וואַרטען אויף פרעמדע הילף.

צו איהם זיינען צוגעשטאַנען די בעסטע שרייבער, אידעאַליסטען פון יענער צייט: סמאָלענסקי, לאַנדאַ, לילענבלום, א. א. וו. ביז עס האָט זיך געגרינדעט אַן אגודת חובבי ציון, און פּינסקער איז געווען דער פרעזידענט פון „חובבי ציון", ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען.

פּינסקער איז געווען אַ קאַבינעט מענש, אָבער ניט קיין אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט ניט געקענט פאַרווירקליכען אין מעשים זיינע אויסגעקלערטע אידע־אַלען. פּינסקערס אידעאַל און ציל האָט שוין אויפגעכאַפּט דר. הערצל, וועלכער האָט שוין יאָ געהאַט די אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט. דר. הערצל שטעלט אונז פאָר אַ בילד אין „מדינת היהודים" ברייטער ווי דר. פּינסקער. ער שילדערט אונז דעם גליק פון אידישען פאָלק מיט שעהנע קאָלירען. אין „מדינת היהודים" האָט ער אויסגעאַרבייט זיין פּראָגראַם ווי אַזוי די אידען פון אַלע לענדער זאָלען זיך קאָנען פאַראייניגען און באַקומען אַ פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט אין פּאַלעסטינע.

דר. הערצל איז געווען באַגאַבט פון גאָט מיט שעהנקייט און מיט ריזיג גרויסע פעהיגקייטען. ער איז געווען שריפטשטעלער, רעדנער און טאַלאַנטפולער אָרגאַניזאַטאָר. אין זיין בראשורע „מדינת היהודים" האָט ער אויסגעאַרבייט זיין פּראָגראַם ווי אַזוי די אידען פון אַלע לענדער קאָנען זיך פאַראייניגען און באַקומען אַ פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט אין פּאַלעסטינע.

ער האָט ניט נאָר געשריבען, נאָר אויך צונויפגערופען די אידען און זיי ערקלערט דעם פּלאַן, און זיי אויפגעפאָדערט צו העלפען מיטווירקען מיט אַגיטאַציאָנס אַרבייט, כדי אַרויסרופען ביים אידישען פאָלק דאָס נאַציאָנאַלע געפיל.

און דער אידעאַל פון דר. פינסקער און דר. הערצל האָט זיך צופלאַקערט, און דער ציוניזם האָט פיל אויפגעטאָן. ער האָט זעהר פיל בייגעטראָגען צו דער קאָלאָניזאַציע פון אידען אין פּאַלעסטינע, און צו דער ענטוויקלונג פון אַגריקולטור און אינדוסטריע אין פּאַלעסטינע. עס האָט אויך אויפגעוועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון דעם אידישען פאָלק אין אַלע לענדער וואו זיי געפינען זיך, און מיט דער צייט איז דר. הערצל'ס אידעאַל כמעט מקוים געוואָרען. ענגלאַנד האָט געגעבען אידען אין ארץ ישראל אַ „באַלפור דעקלאַראַציע", נאָר דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ גאַנץ האָט ניט באַגריפען דאָס גליק, און מען האָט דאָס ניט אויסגענוצט ווי מען דאַרף. אונזערע אידען זיינען געווען צו גרויסע בטלנים, און ניט יוצא געווען פאַר דער אידישער היסטאָריע. — מיט דעם אידישען פאָלק איז אויסגעקומען ווי מיט דער געשיכטע וואָס מען דערצעהלט:

אַמאָל אין רוסלאַנד, אין די קליינע פּראָווינציעלע שטעטלאַך, פלעגען די מענער גאָר וויניג טאָן אין געשעפט, די גאַנצע אַרבייט פלעגט ליגען אויף דער פרוי. זי פלעגט זיין דער מפרנס, און ער — דער בטלן. איינמאָל, אַ פרוי מיטן נאָמען שרה, וואָס פלעגט איהר לעבענסמיטעל ציהען פון בייגעל באַקען, זאָגט צו איהר מאַן: „שמואליק, מאָרגען מוזסטו מיר העלפען פאַרקויפען די בייגעל, ווארום עס זיינען אָנגעקומען נעכטען אָווענט קאָזאַקען".
„אודאי וועל איך דיר העלפען פאַרקויפען די בייגעל, און דערפאַר וועל איך טאַקע דאַוונען ותיקים...

אינדערפריה האָט די פרוי שרה אַרויסגענומען די הייסע בייגעל פון אויווען, אָנגעלאָדען דעם מאַן מיט צוויי גרויסע קערב, שמואליק האָט פאַרקאַמט די באָרד, אַרומגעבונדען די גרויסע זופּיצע מיט אַ גאַרטעל, גענומען די צוויי קערב בייגעל און אַוועק צו די קאָזאַקען פאַרקויפען. גלייך ווי די קאָזאַקען האָבען דערזעהן דעם פאַרשוין, האָבען זיי אַרויסגעשאָסען אַ געלעכטער און זיך אַלאָז געטאָן צו די בייגעל, און צעכאַפּט, ניט באַצאָהלענדיג דערפאַר. שמואליק איז געקומען אַהיים אַ פאַרסאָפּעטער, און זאָגט צו זיין פרוי:
— שרה, איך חלש עסען!
— געה וואַש זיך, עס איז אַלעס געגרייט צום טיש.
שמואליק האָט זיך געוואַשען און געמאַכט אַ מוציא, זאָגט זיין שרה צו איהם:
— דו האָסט עפּעס צו שנעל פאַרקויפט די בייגעל, וואו איז די געלט?
— וואָס פאַר אַ געלט? — זאָגט ער — זיי האָבען די בייגעל צעכאַפּט אָהן געלט...

איצט, זעה איך שמואליק — זאָגט שרה — אַז דו ביסט דער ריכטיגער בטלן: מילא צעבאַפּט — דערויף זיינען זיי דאָך קאַזאַקען... ווארום ביזסטו געקומען אַ הונגעריגער? אַלע האָבען געכאַפּט, האָסטו דאָך אויך געקענט כאַפּען...

דער גלייכווערטעל פּאַסט זיך איצט צו דער טעמע.

אונזער פאָלק טראַכט שוין פילע צייטען וועגען שיבת ציון — דאָס איז דער גליק פון אונזער פאָלק — און ווען דער גליק איז ביי אונזער פאָלק אין האַנט, באַמערקט ער ניט אויסצופירען, די זאַך, און גראד אין דעם ריכטיגען מאָמענט בלייבט דאָס פאָלק פאַרצווייפעלט, אומבאַוועגט, און דאָך אידישע פאָלק דוכט זיך אוים, אַז עס איז נאָכניט געקומען די ריכטיגע צייט פון דער גאולה. דער איד יאָגט זיך נאָך די בלויע פויגעל און אַז ער האַלט איהר אין האַנט, דוכט זיך איהם אוים, אַז דאָס איז ניט די פויגעל, יענע איז געווען מיט אַנדערע קאָלירען. מיט גאָלדענע פליגעלעך... אַ מאַינס — ווי אַ מאַן זיצט אויף אַ בארג וואו עס ליגט באַגראַבען גאָלד, און ער ברויכט כשוף, וואו עס געפינט זיך אַן אוצר, בעת אין דער גרויסער וועלט מלחמה האָבען אַלע מלוכות געציטערט זיי זאָלען ניט אַראָפּ פון דער וועלט בינע; און איטליכע מלוכה האָט געזוכט צוציהען די סימפּאַטיע פון אַנדערע שוואַכערע פעלקער, כדי זיך מעהר צו באַפעסטיגען; די שוואַכערע קלאַסען האָבען זיך איינגעזעהן אַז איצט איז געקומען די צייט ארויסצוכאַפּען פון די שטאַרקערע, מיט איין וואָרט: אַלע האָבען געכאַפּט: אין רוסלאַנד האָט דער פויער געכאַפּט ביים גוטס-באַזיצער. די שנאה פון פאַרשקלאַפונג האָט זיך צעפלאַקערט אין דעם האַרץ פון פויער צום גוטס-באַזיצער, און דער פויער האָט פאַרניכטעט אַלעס, אַזוי ווי אַ קראַטער וואָס רייסט אויף, און ווי אַן אוראַגאַן וואָס געהט דורך. דער גוט-באַזיצער האָט אַלעס פאַרלאָזען, שנעל און קוים מיטן לעבען זיך געראַטעוועט... מען האָט געכאַפּט. און אין פוילן האָבען די פּאָליאַקען אויך אַריינגעכאַפּט אַן אווטאָנאָמיע דורך דער הילף פון די דייטשען... מיט איין וואָרט: אַלע שוואַכע פעלקער האָבען געכאַפּט, האָבען מיר אידען אויך באַדאַרפט כאַפּען, און עס איז געווען דאָן וואָס צו כאַפּען. אַ צופאַל וואָס טרעפט איין מאָל אין אַ יובל. ענגלאַנד האָט אונז געגעבען אין ארץ ישראל אַ "באַלפור דעקלאַראַציע", נאָר מיר אידען „אתה בחרתניקעס" זיינען געווען צו גרויסע בטלנים און ניט יוצא געווען פאַר דער אידישער היסטאָריע.

מיר האָבען באַדאַרפט אויפשטעהן ווי אַ לייב און אַראָפּוואַרפען פון זיך די שווערע גלות-קייטען פון קנעכטשאַפט. מיר האָבען באַדאַרפט שטראָמען מאַסענווייז אין ארץ ישראל, כדי מיר זאָלען זיין די מעהרהייט, און דאַן וואָלטען מיר אויספירען און מיר וואָלטען זיגען. און אַז מיר וואָלטען זיין אַ גרויסער קבוץ, וואָלטען די אַראַבער ניט וואָגען אויפצוהויבען אויף אונז אַ האַנט, און צו קיינע עקסצעסען וואָלט ניט געקומען. מיט איין וואָרט:

בעת אַלע אמות העולם האָבען געכאַפּט, האָבען מיר אויך באַדאַרפט כאַפּען...
שוואַך איז געווען דער אָפּרוף פון אונזער פאָלק אויף דער באַלפור דקלאַראַציע.
דער גייסט פון פאָלק איז געווען שוואַך, אין דעם שיבת־ציון, צום באַדויערען,
צאַנקט מעהר ניט ווי אַ פייערעל אין די אַש, און ניט קיין העלער פייער, און
ער שלעפּט זיך דער עני ורוכב על החמור... אָבער ניט מיט ריזען טריט.

און דאָס גרויסע אידישע פאָלק, וואָס האָט איינמאָל פאַרלאָרען די
לאַנד, און צום צווייטען מאָהל ווייטער געבויט און פאַרלאָרען — וואָס קיין
אומה ולשון האָט דאָס ניט געקענט באַווייזען, למשל: אשור, בבל גריכען,
רימלאַנער — האָפען מיר, אידען, אַז דאָס פאָלק וועט צום דריטען מאָהל
אויפבויען אויף אייביג דאָס לאַנד. אין דער לעצטער צייט באַמערקען מיר
אַז עס האָבען אידען אָנגעהויבען שטראָמען אין ארץ ישראל, און דאָס איז דער
בעסטער וואונטש און גליק פאַר אונזער פאָלק. אין דעם הערען מיר דאָס
פּאָכען פון פליגלען! — מיר הערען דעם גאַנג פון משיח'ן אויף די בערג!
זיינע טריט נאָהענט פון דער ישועה.

וואָס מיר ערוואַרטען פון משיח'ן.

(והיה באחרית הימים.)

און עס וועט געשעהן אין די צוקונפטיגע צייטען. וועט קומען משיח בן־דוד. דער מלך המשיח וועט זיין אַ גייסטיגער קעניג, וואו תורה און חכמה, אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייט און מענשליכע ליבליכקייט, וועלען זיין פאַראייניגט אין זיין פערזאָן. זיין וואָרט וועט זיין אַ געזעץ פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט. משיח בן־דוד וועט זיין באַקרוינט מיט זעקס מדות, אזוי ווי ישעיהו הנביא זאָגט אויף איהם: „ונחה עליו רוח ד' רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד'". (ישעיהו יא — ב.) — „און עס וועט רוהען אויף איהם דער גייסט פון גאָט, אַ גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון ראַט און שטאַרקייט, אַ גייסט פון וויסענשאַפט, און די פורכט פון גאָט."

דער מלך המשיח וועט אויפבויען ארץ ישראל אַלס אַ ריין־אידישע מדינה, אויף די פּרינציפּען פון תורה און קדושה; וועט צונויפזאַמלען אַלע אידען מארבע כנפות הארץ קיין ארץ ישראל, וואו עס וועט געבויט ווערען דער בית־המקדש אויף זיין אָרט. משיח בן-דוד וועט שאַפען גוטע געזעצען, אָפּשאַפען אונטערדריקונג און מלחמות, ווארום אַלע מענשען פון דער וועלט וועלען פאַרבונדען ווערען מיט ברידערליכער ליבשאַפט; קנאה, שנאה וועט דאַן קיינמאָהל ניט זיין ווארום די שפע וועט זיין גרויס פאַר אַלעמען גלייך. די מענשהייט וועט זיך באַשעפטיגען בלויז מיט איין זאַך: צו דערקענען די גאָטהייט און צו שטודירען זי. עס וועט פול ווערען די ערד מיט די וויסענשאַפט פון גאָט, ווי די פילע וואַסערען וואָס באַדעקען דעם ים.

ליסטע פון בילדער:

1. המחבר.
2. ירמיהו הנביא.
3. הבעל־שם.
4. הרמב"ם.
5. בר־כוכבא.
6. קיסר האדריאן.
7. דוד הראובני.
8. שבתי צבי.
9. פראנק.